STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04648

TSUM HERTSL-YOR

Permanent preservation of this book was made possible
by Richard & Florence Dobrin
in memory of
parents, Morris & Johana Lange and Abraham & Sadie Dobrin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צום הערצל־יאָר

נוסח פון אָנדענק־אַקט און לייען־מאַטעריאַל
צו די פייערלעכקייטן אין הונדערטסטן
געבוירנטאָג פון בנימין זאב הערצל

געמיינזאַמע קאָמיסיע פון דער ישראל־רעגירונג און עקזעקוטיווע
פון דער יידישער אַגענץ צו פייערן דעם הונדערטסטן
געבוירנטאָג פון הערצל

צוגעגרייט דורך דעם מינהל הסברה – אויפקלערונגס־אמט
ביים בילדונגס־ און קולטור־מיניסטעריום
ירושלים
ניסן תש"ך אַפּריל 1960

רעדאַגירט: דב בן־מאיר און אבשלום כ״ץ
יידיש: א. שעדלעצקי

הוצאת המדפיס הממשלתי
דפוס ג׳רוסלם פוסט, ירושלים

צום אָנפירער פון דער פייערונג

די אויפגאַבע פון דאָזיקן העפט איז אייך צו פאַרלייכטערן די רעאַליזירונג פון די פייערלעכקייטן צום הונדערטסטן געבוירניאָר פון הערצלען. היות ווי די פייערלעכקייטן וועלן דויערן בערך דריי חדשים — פון יום העצמאות ה׳ אייר תש״ך (2טער מאַי 1960) ביז כ׳ תמוז תש״ך (16טער יולי 1960), און זיי וועלן אין א גרויסע מאָס אריינגעפלאָכטן ווערן אין די זעלבשטענדיקייט־פייערונגען — ברענגען מיר אויך אַ פּראָיעקט פאר אַ געמיינזאַמער פייערונג אָפּצומערקן ביידע געשעענישן.

אין טעקסט איז פאַראַן א פּראָיעקט פון א ספּעקטאַקל, קורצע איינאַקטערס ווי אויך עטלעכע קאַפּיטלען מאטעריאַל צום פאָרלייענען. מיר האָפן, אַז פון דער רייכער זאַמלונג וועט איר האָבן וואָס אויסצוקלויבן, מאַטעריאַל וואָס זאָל צום מיינסטן אַנטשפּרעכן אייער עולם.

פּראָקלאַמירונגס־אַקט פון די הערצל־פייערלעכקייטן

עס איז געווינטשן די פייערלעכקייט זאָל פאָרקומען אויף אַן אָפענעם פּלאַץ און ערשט פאַרן סיום פאָרזעצן דעם פּראָגראַם אין אַ זאַל. ווען דאָס איז מעגלעך, דאַרף דער אַקט פאָרקומען אין פאָרם פון אַ פּאַראַד מיט פענער־אויפהייב און אָנצינדונג פון אַ זכרון־ליכט.

אין פאַל ווען אויך דער אַקט קומט פאָר אין אַ געשלאָסענעם זאַל, דאַרף גע־זאָרגט ווערן פאַר אַ מער סימבאָלישער פאָרם פון פענער־פּרעזענטירונג (אַריינ־מאַרש פון יוגנטלעכע מיט פענער אין די הענט אין זאַל אָדער אויף דער בינע) ווי אויך אָנצינדן אַ קלענער זכרון־ליכט.

דעם זאַל אָדער די טריבונע פון פּאַראַד אין דרויסן, דאַרפן דעקאָרירט ווערן מיט הערצלס בילד און מיט דער לאָזונג: "אין זו אגדה" (דאָס איז נישט קיין לעגענדע) ווי אויך מיטן מלוכה־עמבלעם און נאַציאָנאַלע פענער.

דער פאָרזיצער פון דעם אַקט שטעלט זיך אויף און דערקלערט:

— על דעת עם ישראל און על דעת אַלע אָנוועזנדיקע עפענען מיר די פייערלעכקייטן צום הונדערטסטן געבוירניאָר פון וויזיאָנער פון דער יידישער מדינה, מדינת ישר־אל — ד"ר בנימין זאב הערצל. אין 12טן יאָר פון ישראלס זעלבשטענדיקייט עפענען מיר די פייערלעכקייטן מיט פונאַנדערפלאַטערן די ישראל־פאָן. זאָל דאָס אויפהייבן די פאָן זיין אַ צייכן פון דעם געשלאָסענעם בונד צווישן אונדז און דעם אויפבוי פון אונדזער לאַנד מיט דער איינזאַמלונג אין איר פון אַלע צעשפּרייטקייטן פון אונדזער פאָלק.

דער גאַנצער עולם שטעלט זיך אויף.

די פאָן ווערט אַרויפגעצויגן אויפן שפּיץ מאַסט ביי אַ טראָמפּייטער־געשאַל. אין אַ געשלאָסענעם זאַל — מאַרשירן די יוגנטלעכע אַרויף אויף דער בינע אונטערן געשאַל פון אַ טראָמפּייט.

דער עולם זעצט זיך אויף די ערטער. דער פאָרזיצער זעצט פאָר:

— מיט הונדערט יאָר צוריק איז געבוירן געוואָרן דער מאַן, וואָס האָט געבראַכט אַן אַנטשיידנדיקע ענדערונג אין אונדזער געשיכטע. מיט הונדערט יאָר צוריק איז

געבוירן געוואָרן דער מענטש, אַדאַנק וועלכן אלע פאָלקס־קרעפטן, אלע זיינע בענק־שאַפטן, לעכצענישן און האָפענונגען זיינען קאָנצענטרירט געוואָרן אַרום געדאַנק פון יידישער סוווערעניטעט. זינט דעמאָלט ביזן היינטיקן טאָג זיינען פון אונדז אַוועק פיל פיל פון די וועלכע האָבן געווירקט, געקעמפט און געשאַפן פאַר דער רעאַליזירונג פון דעם געדאַנק. זינט דעמאָלט ביזן היינטיקן טאָג זיינען אונדזערע בעסטע זין און טעכטער געפאַלן, זייערע לעבענס מקריב־געווען פאַרן פאַרשריט פון דעם געדאנק און פארטיידיקונג פון זיינע דערגרייכונגען — לאָמיר באַערן זייער אָנדענק!

דער עולם שטעלט זיך אויף. די פאָן ווערט אַראָפּגעלאָזט אין האַלבן מאסט. שטיל־קייט. דאָס זכרון־ליכט ווערט אָנגעצונדן.

יזכור

לאָמיר געדענקען אונדזערע ברידער און חברים, וואס זיינען צוזאַמען מיט אונדז אַרויס אין די קאַמפּס־טרופּן — מיר זיינען צוריקגעקומען אבער זיי וועלן מער נישט צוריקקומען.

כוואַליע נאָך כוואַליע זיינען זיי אויפגעגאַנגען, פאַרפלייצט און צוריקגעקומען — יענע זיינען אָבער געבליבן אויפן ברעג פון וואַנען עס איז נישטאָ קיין צוריקקער. יונגע און פעסט־געבויטע יוגנטלעכע זיינען ארויס, שיין און שלאַנק ווי די פעלד־געוויקסן, ביז עס האָט זיי דערגרייכט דאָס בליי, און שפּליטערן פון טויט האָבן זיי אוועקגעלייגט. איינער נאָכן אַנדערן זיינען זיי אַוועקגעריסן געוואָרן, זיינען אַוועק־געפאַלן אין די פעלדער. יעדער — אַ קינד פון אַ מוטער, יעדער — אַ פאָטער פון זיינע קינדער, יעדער — א געליבטער פון זיינע ליבהאָבער. פול מיט זיי איז דאָס גאַנצע לאַנד.

אויפן רוקן פון באַרג חורב איז איינגעזאַפּט געוואָרן זייער בלוט, צוריקגעקערט צו ערד־שטויב. אין די זאַמדן פון עקשנותדיקן נירים, און די לעצטע זיינען אין יתומ־שאַפט פאַרבליבן אין כפר דרום; זיי האָבן געקניט און געפאַלן אויף די בערגלעך פון חולייקאַט, געוואַלגערט זיך אין בלוט פון נגבה, אויף די פעלדער פון איבדיס; טויט־שטילקייט אין גוש עציון, צווישן קאסטל און לאטרון האבן זיי מקריב געווען זייערע לעבנס, אויף די בערג פון ירושלים; געפאַלן טויט אנטקעגן די טויערן פון עמק יזרעאל, ביי די פעלדזן פון סעדזשעראַ און איר סביבה, ווייטער אויף צפון האָבן זיי א מזבח אויפגעשטעלט צווישן קדש און מלכיה, און אויף די ברעגעס פון חולה־ים — דאָס מיט בלוט־דורכגעווייקטע משמר הירדן.

זיי זיינען אַוועק, און — נישטאָ. זיי און זייערע חברים די פאָרזעצער פון דער פאַרטיידיקונג אויף די גרענעצן, פון די רעוואַנזש־אָפּעראַציעס און סיני. פאַרשטומט זיינען געוואָרן די בחורים, צוזאַמען מיט זייער יוגנט־שאַל.

איצט, ווען די מלחמה־פעלדער זיינען צוריק געווארן וואקסנדיק־שפּראָצנדיקע פעלדער.

היינט, ווען אונדזערע פענער פלאַטערן פון ים צו ים, פון מדבר ביז די באַרג־שפּיצן — רופט אונדז נישט איצט, היינט, אַ קול — און דער אָנדענק פון די אַלע פאַר וועמען עס וועלן מער נישט פלאַטערן קיין פענער, פאַר וועמען די ערד וועט מער נישט געבן פרוכט, וועמענס קערפּערס זיינען גאָרנישט געוואָרן, אָבער זיי שטייען פאַר אונדז אין זייער גאַנצער מוטיקייט און שפּרודלדיקייט?

די רוקנס פון באַרג חורב און נגבה ביזן ים פון אילת לעכצן צו אונדז. הייליקע בערג דאַרפן געבנוי אַזעלכע ווי מיר, פלוגות און גדודים פון פעסטע און שלאַנקע יוגנטלעכע ווי פעלד־געוויקסן, — צום לעבן און נישט צום אומקום, צו ליבע, צו אַרבעט, צום פּאָזיטיוו, צו געבן די ברכה פון פרידן אין לאַנד.

און אַזוי וועלן מיר געדענקען די געפאַלענע — וואָס זיינען נישטאָ מיט אונדז דאָ היינט.

(אַנשטאָט דעם יזכור קען געלייענט ווערן דער פאָלגנדיקער
טראַדיציאָנעלער יזכור אין העברעיש)

יזכור

אבינו שבשמים, אל אלוהי הרוחות לכל בשר, זכור נא את הנשמות הזכות והטהורות של בנינו ובנותינו אשר הערו נפשם למות מות גבורים, בהחלצם לעזרת העם והארץ.

מנשרים קלו ומאריות גברו במלחמתם למען שחרור עמם ומולדתם. בעלותם על מזבח תקומת ישראל בארץ קדשו, הפיחו רוח עוז וגבורה בכל בית ישראל בארץ ובתפוצות, והתעוררו לקראת גאולתו ופדות נפשו.

יזכרם אלוהינו לטובה עם רבבות אלפי קדושי ישראל וגבוריו מימי עולם.

בצרור החיים יצרור את נשמתם, בגן־עדן תהא מנוחתם, וינוחו בשלום על משכבם, ויעמדו לגורלם לקץ הימים, אמן.

(אָדער דעם ווייטערדיקן יזכור)

יזכור

זאָל דאָס יידישע פאלק געדענקען די ריינע נשמות פון זיינע טרייע און דרייסטע זין, מענטשן פון אַרבעט און פרידן, וואָס זיינען געגאַנגען נאָך דעם אַקעראייזן און בוי־מעסטער, און איינגעשטעלט זייערע לעבנס פארן כבוד פון ישראל און אויף דער ערד פון ישראל.

זאָל דאָס יידישע פאָלק געדענקען און זיך בענטשן מיט זיינע קינדער, טרויערן איבער דער יוגנט־שיינקייט און גבורה־פראַכט, הייליקייט פון ווילן און מסירות נפש, וואָס איז אומגעקומען אין שווערע קאַמפן.

טראָמפייט. די פאַן ווערט אַרויפגעצויגן.

אַנאָנסער:

א געזאַנג פון די אַרויפגאַנגען.
אַז גאָט האָט אומגעקערט די אומקערונג פון ציון,
זיינען מיר געווען ווי אין חלום.
דענסמאָל איז פול געוואָרן אונדזער מויל מיט געלעכטער,
און אונדזער צונג מיט געזאַנג;
דענסמאָל האָט מען געזאָגט צווישן די פעלקער:
גרויס געטאָן האָט גאָט מיט דידאָזיקע.
גרויס געטאָן האָט גאָט מיט אונדז,
מיר זיינען דערפרייט געוואָרן.

ריכט אונדז, גאָט, ווידער אויף
ווי שטראָמען אין טרוקענעם לאַנד.
די וואָס זייען מיט טרערן,
זאָלן שניידן מיט געזאַנג.
גיין גייט און וויינט
דער וואָס טראָגט דעם אויסשיט פון זריעה
אָבער קומען זאָל קומען מיט געזאַנג
דער וואָס טראָגט זיינע גאַרבן. (תהילים, קכ״ו)

כאָר: בשוב ד׳ את שיבת ציון

פאָרזיצער: מיט 63 יאָר צוריק האָט הערצל געבראַכט פאַרן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל זיין פראָגראַם אויפצושטעלן אַ יידישע מדינה. דעמאָלט

אין די וויזיע פון דער מדינה געווען אַ חלום ווייט פון פֿאַרווירקלעכונג. דע־מאָלט האָט דער געדאַנק דערוועקט בלויז ווייניקע, בעת פיל פיל אנדערע האָבן דאָס באַטראַכט פֿאַר אַן אומזיסטן חלום. הערצל אַליין האָט אָבער געזאָגט:

אַ נ אָ נ ס ע ר: אויב איך זאָל מאַכן אַ סך־הכל פון באַזעלער קאָנגרעס אין איין זאַג, איז דאָס: אין באַזעל האָב איך געגרינדעט די יידישע מדינה. ווען איך וואָלט דאָס געזאָגט עפנטלעך, וואָלט דער ענטפער געווען געלעכטער פון אַלע זייטן. אָבער אין פינף יאָר אַרום, העכסטנס — אין פופציק יאָר אַרום, וועלן אַלע אָנערקענען די ריכטיקייט דערפון.

פ אָ ר ז י צ ע ר: און ווירקלעך — היינט, צוועלף יאָר נאָך דעם אויפקום פון מדינת ישראל קענען מיר מיט שטאָלץ און זיכערקייט זאָגן: די יידישע מדינה איז מער נישט קיין לעגענדע.

אַ נ אָ נ ס ע ר: אין ארץ־ישראל איז אויפגעשטאַנען דאָס יידישע פאָלק, דאָ איז אויסגעפֿורעמט געוואָרן זיין גייסטיקע, רעליגיעזע און פּאָליטישע געשטאַלט, דאָ האָט עס געפירט א סווערען מלוכהש לעבן, געשאַפן נאַציאָנאַלע און אַל־געמיין־מענטשלעכע קולטור־ווערטן, און געגעבן דער גאַנצער וועלט זיין איי־ביקן ספר הספרים.

נאָכדעם ווי דאָס פאָלק איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין לאַנד מיט קראַפט, איז עס טריי געבליבן אין די לענדער פון זיין צעשפּרייטונג און נישט אויפגעהערט תפילה־טאָן און האָפן צוריקצוקומען אין זיין לאַנד און באַנייען אין זיינע גרענעצן זיין פּאָליטישער פרייהייט.

אין רעזולטאַט פון דאָזיקן היסטאָרישן און טראַדיציאָנעלן קשר, האָבן יידן אין אַלע דורות געשטרעבט איינצוואָרצלען זיך אין זייער אור־אַלט היימ־לאַנד, און אין די לעצטע דורות זיינען זיי מאַסנווייז צוריקגעקומען אין לאַנד אַריין; און חלוצים, מעפילים און פאַרטיידיקער האָבן אויפגעבליט וויסטעני־שן, אויפגעלעבט די העברעישע שפּראַך, געבויט דערפער און שטעט און אויפגעשטעלט אַן אַלץ וואַקסנדיקן ישוב, וואָס באַהערשט זיין ווירטשאַפט און קולטור, ליבט פרייהייט און פאַרטיידיקט זיך, ברענגט די ברכה פון פּראָגרעס פאַר אַלע איינוווינער אין לאַנד און שטרעבט צו מלוכהשער זעלבשטענדיקייט.

עס איז די נאַטירלעכע רעכט פון יידישן פאָלק צו לעבן ווי יעדעס פאָלק, וואָס געפינט זיך אין אייגענעם רשות אין זיין סוווערענער מדינה.

דעריבער, האָבן מיר זיך פֿאַרזאַמלט, מיר די מיטגלידער פון פאָלקסראַט, פאָרשטייער פון יידישן ישוב און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, אין דעם טאָג פון סיום פון בריטישן מאַנדאַט איבער ארץ־ישראל, און מיט דער

קראַפט פון אונדזער נאַטירלעכער און היסטאָרישער רעכט, און אויפן יסוד פון באַשלוס פון דער גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון די פאַראייניקטע פעלקער פראָקלאַמירן מיר די אַנטשטייונג פון א יידישער מדינה אין ארץ־ישראל — מדינת ישראל.

מדינת ישראל וועט זיין אָפן פאַר יידישער עליה און קיבוץ גלויות, וועט זאָרגן פאַר דער אַנטוויקלונג פון לאַנד לטובת אַלע אירע איינוווינער, וועט באַזירן אויף יסודות פון פרייהייט, גערעכטיקייט און שלום לויט דער וויזיע פון די נביאי ישראל, וועט פאַרזיכערן פרייהייט פון רעליגיע, געוויסן, בילדונג און קולטור, וועט אָפהיטן די הייליקע מקומות פון אַלע רעליגיעס און וועט זיין טריי די פרינציפּן פון טשאַרטער פון די פאַראייניקטע נאַציעס.

מיר אַפּעלירן צו די פאַראייניקטע פעלקער זיי זאָלן העלפן דעם יידישן פאָלק בויען זיין מדינה און אָננעמען מדינת ישראל אין דער פעלקער־משפחה.

מיר שטרעקן אויס א האַנט פון שלום צו אַלע שכנותדיקע מדינות און זייערע פעלקער, און רופן זיי צו צוזאַמענאַרבעט און קעגנזייטיקער הילף מיטן זעלבשטענדיקן יידישן פאָלק אין זיין לאַנד. מדינת ישראל איז גרייט צו געבן איר ביישטייער צום געמיינזאַמען אָנשטרענג פאַרן פּראָגרעס פון גאַנצן מיט־עלן מזרח.

מיר אַפּעלירן צום יידישן פאָלק אין אַלע תפוצות צו קאָנסאָלידירן זיך אַרום ישוב מיט עליה און אויפבוי, און שטייען אויף זיין זייט אין דעם גרויסן קאַמף פאַר דער רעאַליזירונג פון דער דורותדיקער שטרעבונג צו יידישע אויס־לייזונג.

פ אָ ר ז י צ ע ר : די אַרבעט איז נאָך אָבער נישט פאַרענדיקט. ביים שלוס פון וויכטיקן קאַפּיטל אין אונדזער געשיכטע, איז נויטיק מיר זאָלן זיך אָפּגעבן רעכנשאַפט וועגן די נייע און שווערע אויפגאַבן וואָס שטייען נאָך פאַר אונדז. לאָמיר גרייט זיין צו זיי מיט האַרץ און נשמה.

רופט אויס אויפן קול:

זאָל לעבן דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט געוווסט צום צווייטן מאָל אַליין אויסלייזן זיך פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט!

דער גאַנצער עולם שטייט אויף פון די ערטער און רופט:

זאָל לעבן דאָס יידישע פאָלק!

פ אָ ר ז י צ ע ר : זאָל אייביק לעבן מדינת ישראל!

ע ו ל ם : זאָל לעבן מדינת ישראל!

(התקווה)

מיטן שוויס פון דיין פנים וועסטו עסן ברויט

איינאַקטער אין צוויי בילדער — לויט דער דערציילונג
פון טעאָדאָר הערצל "סאָלאָן אין לודיאַ"
(מיט קליינע ענדערונגען)

פּערזאָנען:

קרעזוס — דער קעניג פון לודיאַ
סאָלאָן — געזעצגעבער פון אַטען
עזאָפּ — דער באַרימטער משלים־געבער
אבקאָסמאָס — יונגערמאַן
אַמפּעליאַ — טאָכטער פון קעניג
שר פון מלוכה־אוצר, שר פון מלחמה; שליח; טענצערינס, דינער.
די אַקציע שפּילט זיך אָפּ אין אַלטן גריכנלאַנד.

בילד איינס

אין גאַסט־סאַלאָן פון קרעזוס: קרעזוס, סאָלאָן און עזאָפּ זיצן אויסגעשפּרייט אויף סאָפּעס, טרינקען פולע בעכערס וויין, רויזן־קראַנצן איבער די קעפּ—און קוקן זיך צו צום באַלעט פון די טענצערינס.

קרעזוס (צו די טענצערינס): **גענוג! רייסט איבער!** (מאַכט א האַנט־באַוועגונג זיי זאָלן אַרויס).

עזאָפּ: ווילסטו מיט אונדז עפּעס איבעררעדן, קרעזוס?

קרעזוס: איך וויל פאַר אייך אַראָפּרעדן זיך פון האַרץ, מיינע פריינט. איך שטיי איצט פאַר דער אַנטשיידונג פון א זאַך, וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל אין דער צייט פון מיין קיניגן נישט געהאַט; דאָס איז מיר געקומען פלוצים ווי א שווער־רער גורל.

סאָלאָן: וואָס פאַרא זאַך, קרעזוס?

קרעזוס: א יונגער בחור, א קינד פון די העלענען — האָט זיך מיטאַמאָל צו מיר געווענדט און געבעטן די האַנט פון מיין טאָכטער אַמפּעליא.

עזאָפּ: שטאמט ער פון קעניגלעכן אדעל?

ק ר ע ז ו ס: ווער ווייסט צי ער איז נישט וויכטיקער פון אלע מלכים. זיין פּאָטער איז אָבער אַן אָרעמער בעל־מלאכה אין באַליסאָס.

ס אָ ל אָ ן: איך פאַרשטיי דיך נישט, קרעזוס!

ק ר ע ז ו ס: דאָס דאָזיקע בחורל זאָגט, אַז ער האָט געפונען א מיטל א סוף צו מאכן צו דער אָרעמקייט אויף דער גאנצער וועלט. דאָס דאָזיקע וויל ער מיר געבן... נישט מיר, נאָר פאַר אַלע איינוווינער פון לודיאַ. ריכטיקער — אַלע מענטשן וויל ער געבן דאָס דאָזיקע געשאַנק. ווי א באַלוינונג פאַר דעם וויל ער מיין טאָכטער אָמפעליאַ פאַר א ווייב. זיין ליבע צו איר איז אָן אַ גרענעץ.

ע ז אָ פּ: א גוטן געשמאַק האט דער דאָזיקער יונגערמאַן.

ס אָ ל אָ ן: אין וואָס באַשטייט זיין דערפינדונג?

ק ר ע ז ו ס: ער אַליין וועט אייך דאָס אויפקלערן (קלינגט אין בעכער. עס קומט אריין דער דינער) רוף אַבקאָסמאָסן און זאָל ער אריינקומען.

אַ ב ק אָ ס מ אָ ס (קומט אריין. אָנגעטאָן אין אַ גריכישן כאַלאַט. יונג, איידל, פאַר־חלומטע אויגן).

ק ר ע ז ו ס: אַבקאָסמאָס, דאָס זיינען מיינע פריינט. דו קאָנסט זיי דערציילן אַלץ, וואָס דו האָסט מיר איבערגעגעבן וועגן דיין ווונדערלעכער המצאה.

אַ ב ק אָ ס מ אָ ס (הייבט אויף א קליין זעקל): אָט דאָ האָב איך עס...

ע ז אָ פּ: וואָס האָסטו דאָ, גאָלד?

אַ ב ק אָ ס מ אָ ס: מער ווי גאָלד... מעל, ברויט!

ע ז אָ פּ (ווענדעט זיך צו קרעזוסן): ווילסטו דאָ, קרעזוס, דערפרייען דיינע געסט מיט א שפּאָט־ספּעקטאַקל?

ק ר ע ז ו ס: ניין!... דאָס איז א צו ערנסטער ענין... הייב אָן רעדן, אַבקאָסמאָס...

אַ ב ק אָ ס מ אָ ס: אָט — דאָ איז מעל, וואָס איך אַליין האָב געשאַפן...

ע ז אָ פּ (הייבט אָן צו לאַכן הויך אויפן קול, אַז דער בויך טרייסלט זיך אַזש ביי אים): א שיינער שפּאַס... כאַ־כאַ־כאַ... ער האָט אַוודאי געשניטן ווייץ, אריינ־געלייגט אין די מילשטיינער און צעמאָלן עס אויף מעל. באמת זייער ווונדערלעך...

אַ ב ק ו אָ ס מ אָ ס (קוקט מיט פאַרחלומטע אויגן אין דער ווייט): איך האָב נישט גע־זייט; איך האָב דעם ווייץ אויך נישט געשניטן און במילא נישט געמאָלן. דאָס דאָזיקע מעל האָב איך געמאַכט אויף א גאַנץ אַנדער אופן.

ס אָ ל אָ ן (וואָס האָט די גאַנצע צייט אָבסערווירט דעם יונגערמאַן, רופט זיך אָן): אויף אַן אַנדער אופן!

ק ר ע ז ו ס: און היינט האָבן מיר געגעסן דאָס ברויט פון דאָזיקן מעל.

עזאָפּ: דאָס ברויט איז געווען זייער געשמאַק.

סאָלאָן (בייז): מאַך נישט חוזק פון אונדז, יונגערמאַן! קום נישט צו אונדז מיט אַזעלכע נאַרישקייטן.

אַבקאָסמאָס: איך ווייס, אַז איר זייט דער גרויסער געזעצגעבער פון אַטען און איך שעץ אייך הויך — אָבער ביים לעבן פון אייביקן זעאוס שווער איך, אַז דאָס וואָס איך זאָג איז אמת. איך האָב געפונען א מיטל צו מאַכן מעל אָן תבואה פון פעלד. איך מאַך דאָס פון א מאַטעריאַל וואָס געפינט זיך אומ־באַגרענעצט אין דער נאַטור. מיט ווייניק אַרבעט קען איך שאַפן ריזיקע כמותן פון מעל. דאָס וואָס עס מאַכן הונדערטער ערד־אַרבעטער קען מאַכן איין מענטש אין איין טאָג.

סאָלאָן: זאָג וואָס פאַראַ מיטל דאָס איז! אַנדערש וועל איך דיר האַלטן פאַרן גרעסטן ליגנער.

אַבקאָסמאָס: בלויז איך אַליין באַזיץ דעם דאָזיקן סוד. דער קעניג ווייסט וואָס פאַראַ באַלוינונג איך וויל פאַר דעם. נישט קיין געלט דאַרף איך, איך לאַך זיך אויס דערפון. איך וויל בלויז געבן דער מענטשהייט א געשאַנק — ברויט אָן שוויס, גנאָדיק ברויט בשפע — און דאָס אַלץ אויף אייביק!

קרעזוס: מיר האָבן אויסגעהערט דיינע רייד, איצט וואַרט אויף אונדזער באַשלוס.

אַבקאָסמאָס (וויל ארויסגיין).

עזאָפּ: וואַרט א רגע, יונגערמאַן! דו קאָנסט דאָך דערווייל מאַכן מעל פאַר אָרעמע מענטשן איידער דו וועסט אַנטפּלעקן דיין סוד. הלמאַי זאָלן זיי דערווייל הונגערן?

אַבקאָסמאָס: איך וועל דאָס גערן טאָן. זאָל בלויז דער קעניג פאַרזיכערן, אַז מען וועט מיר נישט נאָכשפּירן מיינע טריט און נאָכקוקן וואָס איך טו.

קרעזוס: דער קעניג פאַרזיכערט דיר דאָס, אַבקאָסמאָס!

אַבקאָסמאָס (ביקט זיך און פאַרלאָזט דעם זאַל).

קרעזוס (נאָך עטלעכע מינוט שווייגן): איצט לאָמיר הערן אייער מיינונג, מיינע פריינט!

עזאָפּ (מיט באַגייסטערונג): גיב אים דיין טאָכטער, קעניג פון לודיאַ!

קרעזוס: און וואָס איז דיין עצה, סאָלאָן?

סאָלאָן (קורץ): טויט אים!

קרעזוס און עזאָפּ (דערשטוינט): וואָס?

קרעזוס: דו מיינסט אַוודאי, אויב עס וועט זיך ארויסווייזן אַז ער האָט מיך אָפּגענאַרט?

סאָלאָן: ניין, קעניג פון לודיאַ, טויט אים אפילו ווען ער זאָגט אמת!

עזאָפּ: איך פאַרשטיי אייך נישט. דו הייסט טויטן דעם מענטש, וואָס טוט די בעסטע זאַך פאַרן מענטשלעכן שטאַם?

קרעזוס: אויך איך פאַרשטיי נישט וואָס דו מיינסט, סאָלאָן מיין פריינט. איך בין אמת אין כעס אויף דעם בחור, וואָס וואָגט צו בעטן די האַנט פון מיין טאָכטער... אָבער טויטן אים? ניין! דאָס פאַלט מיר גאָרנישט איין.

סאָלאָן (שטעלט זיך אויף אין זיין גאַנצער הויך): מיין געדאַנק, קרעזוס, איז פּשוט אַזוי ווי תמיד. איר מעסט דעם נוצן פון יעדער זאַך אין געגעבענעם מאָמענט, דאַקעגן דורך מיינע פינגער גייען דורך אייביקייטן... מיינע פריינט! דער דאָזיקער יונגער מענטש איז איינער פון די גרעסטע געפאַרן וואָס באַדראָען אונדזער וועלט... די ערד גיט איר פרוכט נישט ווייל אַזוי וויל דעמעטער, נאָר ווייל זי איז דורכגעווייקט מיטן שווייס פון דעם, וואָס באַאַרבעט זי. קומט אָט דער יונגערמאַן און וויל ענדערן די נאַטור. אַז מ׳וועט אויפהערן צו באַאַרבעטן די ערד — וועט אויך אויפהערן אַלץ וואָס דער מענטש האָט אויף דער ערד געשאַפן, יעדע קולטור וועט פאַרשווינדן פון דעם לאַנד.

קרעזוס: סאָלאָן, דיינע ווערטער וווּנדערן מיך זייער.

סאָלאָן: אַ קעניג דאַרף וויסן צו טויטן נישט נאָר די שלעכטע און זינדיקע... דאָס איז אַ לייכטע און אָנגענעמע זאַך. פאַראַן אָבער אויך גוטע מענטשן, וואָס די טובה פון פאָלק פאַרלאַנגט זייער אויסראָטונג. עזאָפּ דער משלים־געבער האַלט מיך אַוודאי פאַר אַ האַרצלאָזן. זאָל זיין אַזוי. דיין רעכט איז צו זיין פאָלקסטימלעך, איך אָבער — איך בין אַ געזעצגעבער... איך וועל אים באַווייזן ווען ער וועט געטויט ווערן, אָבער ווינד און ווי וועט זיין צו גריכנלאַנד, אויב ער וועט לעבן און אויב ער וועט זיינס דערגרייכן.

קרעזוס: דערווייל איז נאָך גאָרנישט באַשלאָסן געוואָרן.

עזאָפּ (מיט דערלייכטערונג): אַ דאַנק און לויב אַלע געטער, וואָס זיי האָבן מיך נישט געמאַכט פאַר קיין פּאָליטיקער. הער מיך אויס, טייערער סאָלאָן! אויב אפילו עס איז אַלץ ריכטיק ווי דו האָסט געזאָגט — ווער קען באַוואָרענען, אַז מאָרגן וועט נישט ווידער קומען אַ נייער דערפינדער. איז דאָך בלויז אַ צופאַל דאָס, וואָס דער יונגערמאַן איז דווקא געקומען אַהער, ווייל ער האָט ליב דעם קעניגס טאָכטער, און אַזוי האָבן מיר זיך וועגן דעם דערוווּסט. דער צווייטער, אַז ער וועט קומען — וועט נישט קומען צו אונדז, ער וועט קומען

מיט זיין המצאה צום פאָלק — און עס וועט א סוף נעמען צום הונגער. איך וועל זיך דערמיט פרייען, ווייל איך, סאָלאָן מיין פריינט, ווייס דעם טעם פון הונגער. און אפשר דערפאַר בין איך געוואָרן א פאָלקסזינגער.

סאָלאָן: איך שעץ זייער דיינע טענות, עזאָפּ, דאָס איז א פראַגע פון צייט. עס וועלן אַדורך אפשר טויזנטער יאָרן. הונגער האָט אונדז געלערנט אַרבעטן, אָן אים וועט אַרבעט פאַרוואַנדלט ווערן אין קונסט. קומען וועלן נאָך קומען צייטן ווען די מענטשהייט וועט מער נישט נייטיקן זיך אין הונגער, כדי צו שאַפן. אָט דעמאָלט וועט מעגן ווידער קומען דער דערפינדער... איך וויל עפּעס פאַרלייגן. דאָ לעבט מיט אונדז א מענטש, וואָס איז דער גרעסטער חכם פון אַלע העלענען. זאָל ער קומען און אַנטשיידן.

עזאָפּ: דו ביסט גערעכט — טאַלעס פון מילעטוס.

סאָלאָן: יאָ, טאַלעס פון מילעטוס.

קרעזוס: אייער עצה איז א גוטע. טאַלעס — דער מאַן פון מילעטוס וועט אנטשיידן.

(פאָרהאַנג)

בילד צוויי

אין זעלביקן קעניגלעכן זאַל. עס זיצן קרעזוס, עזאָפּ און סאָלאָן.

קרעזוס: צוויי חדשים זיינען פאַרביי זינט איך האָב געשיקט מיין בריוו קיין מילעטוס, און קיין ענטפער פון טאַלעס'ן איז נישטאָ. מ'האָט מיר איבערגעגע־בן, אַז ער איז אַרויס אין וועג און קיינער ווייסט נישט וווהין. און דו, טייערער סאָלאָן, האַלטסט זיך נאָך ביי דיין מיינונג?

סאָלאָן: יאָ.

קרעזוס: די זאַך האָט זיך דערווייל אַביסל פאַרפלאָנטערט. אַבקאָסמאָס מאַכט מעל — און איך צעטייל עס אומזיסט צווישן אַלע פאָלקסשיכטן.

סאָלאָן: און די רעזולטאַטן וואָס זיינען — ווייסטו?

קרעזוס: בנוגע דעם זיינען צו מיר געקומען צוויי שרים פון דער מדינה.

סאָלאָן: לאָמיר הערן וואָס זיי זאָגן דערצו.

קרעזוס: זאָל אַריינקומען דער שר פון מלוכה־אוצר.

שר (קומט אַריין. פאַרנייגט זיך).

קרעזוס: לאָמיר הערן דיינע רייד.

שר: א צעמישעניש איז געקומען אויף דער מדינה. אַלע פּויערים האָבן פאַרלאָזט זייער אַרבעט; די תבואה־פעלדער זיינען פאַרוויסט געוואָרן. שרצים פאַר־

דאַרבן אַלץ. די ערד גיט אַרויס בלויז ווילדע דערנער, און קיינעם אַרט דאָס נישט.

סאָלאָן: און די בעלי־מלאכות?

שר: אויך זיי דאַרפן מער נישט אַרבעטן, ווייל מעל באַקומט מען דאָך אָן געלט. אַלע אַרבעטן זיינען פֿאַרנאַכלעסיקט געוואָרן. די מענער זיינען געוואָרן פֿויל, אפֿשר אויך אומרואיק. הולטאַיסטווע מערט זיך און עס ברעכן אויס קריגערייען.

סאָלאָן: און איר קענט זיי נישט פֿאַראינטערעסירן מיט קיין שום נוצלעכע אַרבעט?

שר: ניין! אַלע ווייסן אַז די שפּייכלערס פֿון קעניג זיינען פֿול מיט מעל און ער פֿאַרטיילט עס בחינם, אָן געלט.

קרעזוס: גוט, מיר האָבן געהערט דיינע ווערטער.

שר (פֿאַרנייגט זיך און גייט אַרויס).

קרעזוס: דער שר פֿון מלחמה זאָל אַריינקומען!

שר (קומט אַריין, פֿאַרנייגט זיך).

קרעזוס: לאָמיר הערן וואָס דו האָסט אונדז צו דערציילן, שר פֿון מלחמה!

שר: איך האָב גוט אויסגעפֿאָרשט די געשאַפֿאַנע לאַגע און איך וואַג צו זאָגן דעם קעניג מיט זיינע יועצים אַז דאָס, וואָס איז נויטיק אין איצטיקן מאָמענט פֿאַר אונדזער פֿאָלק — איז אַ קליין מלחמהלע. אָדער זיי וועלן זיגן אָדער באַקומען קלעפּ.ביידע זאַכן וועלן זיין פֿאַר זיי נוצלעך.

קרעזוס: אַ מלחמה — צוואָס און קעגן וועמען?

שר: מ׳קען געפֿינען אַ סיבה פֿאַר אַ מלחמה, עס איז דאָ קעגן וועמען אַרויסצוטרעטן — למשל, קעגן כורש, דעם קעניג פֿון פּערסיע.

קרעזוס: קעגן כורש דעם קעניג פֿון פּערסיע? צוליב וואָס? קיין שום שכל איז אין דעם נישטאָ.

שר: אויב דער קעניג וועט זיך נאָר אַביסל פֿאַרטראַכטן וועט ער זען, אַז אין מיינע רייד איז יאָ דאָ אַ שכל.

קרעזוס: קלער מיר אויף...

שר: אויב מיר וועלן נישט אַרויס אין אַ קריג קעגן אַ דרויסנדיקן שונא וועט אויסברעכן אַ בונט אינעווייניק — קעגן דיר!

קרעזוס: מיר האָבן געהערט...

שר (קניט און פֿאַרלאָזט דעם זאַל).

אַמפּעליאַ (קומט אַריין און פֿירט מיט זיך אַבקאָסמאָסן): פֿאָטער, פֿאַרגיב, וואָס

איך קום אַריין אָן א דערלויבעניש אָבער שוין לאַנג וואַרט איך צו הערן פון דיר וועגן דעם ענין, וואָס איז דיר גוט באַקאַנט.

קרעזוס: זיץ, אַמפּעליאַ, און אויך דו, אַבקאָסמאָס, זיץ דאָ.

אַמפּעליאַ: איך וועל נישט זיצן, איך וויל בלויז ביי דיר פרעגן איין זאַך: ווען ענדיקט זיך די פּראַבע־צייט וואָס דו האָסט באַשטימט פאַר אַבקאָסמאָסן?

סאָלאָן: אינטערעסירט דיר דאָס טאַקע?

אַמפּעליאַ: פריינט פון מיין פאָטער, סאָלאָן דער גרעסטער געזעצגעבער, קענסטו נישט דאָס געזעץ פון דער נאַטור? יעדער טאָג — איז א טאָג פון פּיין פאַר אונדז ביידע.

סאָלאָן: איך ווייס וועגן דיין ליבע, דו שענסטע פון די טעכטער, דעריבער ציטער איך אַזוי פאַר דיין גליק.

קרעזוס: אָט דערלויב איך די נאָענטקייט פון אַבקאָסמאָס צו דיר. די טעג פון פּראָבע זיינען אָבער נאָך נישט געענדיקט.

אַבקאָסמאָס: איך שאַץ זייער אָפּ דיין גוט האַרץ, קעניג, און איך וואַרט אויפן טאָג פון דער לייזונג.

סאָלאָן: אונטעראַייל אים נישט, מיין פריינט (א גערודער שטאַרקט זיך אַלץ מער, דער שר פון מלחמה קומט אַריין א צעמישטער).

קרעזוס: וואָס האָט דאָרט פּאַסירט?

שר: אָט האָט זיך אָנגעהויבן דער אויפשטאַנד וועגן וועלכן איך האָב גערעדט.

אַבקאָסמאָס: אַמפּעליאַ, שרעק זיך נישט. איך וועל דיך באַשיצן. איך קען אויך א סוד, וואָס וועט איינשטילן דעם אויפשטאַנד און ברענגען גליק פאַרן מענטש.

שליח: (קומט אַריין): אָט איז א בריוו פון טאַלעסן.

קרעזוס: לאָזט אונדז איבער אַליין (אלע גייען אַרויס. עס בלייבן קרעזוס, סאָלאָן און עזאָפּ).

קרעזוס: איך געפין מער נישט קיין רו, ווי איך האָב געוואַרט אויפן ענטפער פון טאַלעס פון מילעטוס, וואָס זאָל אָנטשיידן וועגן מיינע ספקות! אָט איז דער בריוו געקומען און מיינע הענט ציטערן. לייען דו דעם בריוו, מיין פריינט עזאָפּ. מיין שטים דינט מיך מער נישט.

עזאָפּ (לייענט שטיל, מיט א ציטערדיקער שטים): קרעזוס דער קעניג פון די לודיער. אין מיין האַרץ האָב איך נישט געפונען די חכמה, וואָס דו פאַרלאַנגסט פון מיר. צווישן די הערענען געפינט זיך בלויז איינער, וואָס פאַרשטייט די גאַנצע טיפקייט פון שטאַט־פראַגן. ער וועט וויסן דעם באַשייד אויך פון דער פּראַגע. כ׳בין אַוועק אין זיין היימלאַנד אַטען אים זוכן, האָב איך זיך דערוווּסט,

אַז ער האָט עס פֿאַרלאָזט. בין איך אַוועק קיין עגיפּטן און אים שוין דאָרט נישט געטראָפֿן. כ׳בין געקומען קיין ציפּרוס און דאָרט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער איז ביי דיר. דעריבער שווייג איך. טו אַלץ וואָס סאָלאָן וועט דיר עצהנען.

קרעזוס (מיט א ציטערדיקער שטים): סאָלאָן?

עזאָפּ: אַזוי שרייבט ער: סאָלאָן.

סאָלאָן: יאָ, קעניג! די זאַך קומט צוריק צו מיר און אויך ביי מיר ציטערן די הענט. גרייט צו א בעכער ווייַן געמישט מיט סם, וואָס טויטעט שנעל.

עזאָפּ: באַרעכן זיך, סאָלאָן, ווּעסטו טויטן די ליבע אין איר סאַמער אָנהייב?

סאָלאָן: דאָס איז א נסיון און גורל פֿון מענטש.

קרעזוס (שטייט אויף. נעמט ארויס פֿון שאַנק אַן עספּאַראַגל־עפּל און גיסט באַלד אַן א בעכער מיט ווייַן און מישט אַריין סם): איך גיב דאָס אַלץ איבער אין דייַן האַנט. טו ווי דו פֿאַרשטייסט.

סאָלאָן: רוף אַריין אַבקאָסמאָסן.

קרעזוס: קום אַריין, מייַן טייערער אַבקאָסמאָס!

אַבקאָסמאָס (קומט אַריין).

סאָלאָן: ובכן — אַבקאָסמאָס, האַלטסטו זיך נאָך ביי דייַן מיינונג, אַז דייַן וועג וועט ברענגען גליק מענטשן? ווילסטו זיי נאָך געבן שפּע אָן דער נויטיקייט צו אַרבעטן, אָדער אפשר ביזטו גרייט דעם סוד אָפּצוהיטן, צו האַלטן ביי זיך, טיף באַגראָבן אין דייַן נשמה? יאָ, פֿאַרגעס דעם דאָזיקן סוד. אָמפּעליאַ איז דייַנע, דאָס איז דיר פֿאַרזיכערט, ווייל דו ביסט זי ווערט. קרעזוס וועט זי דיר געבן פֿאַר א ווייב אויך ווען דו וועסט נישט אויסזאָגן דייַן וווּנדערלעכן סוד. איצט פֿאָלג מיך. מענטשן מוזן אַרבעטן, כדי אַרויסצובאַקומען ברויט פֿון דער ערד. דאָס איז דער זין. מענטשן נויטיקן זיך אין נויט, ווייל די נויט טרייבט דעם מענטש און מאַכט אים פֿעיק צו פֿאַרשיידענע אויפֿטוען און המצאות. פֿאַרגעס דייַן חלום.

אַבקאָסמאָס (שטעלט זיך אויף א שטאָלצער): איר ווילט מיך בלויז אויספּרוּוון, סאָלאָן, איר ווילט זעען צי איך בין אַזוי שפּל נישט צו האַלטן וואָרט. אָמפּעליאַ איז מייַן כלה און מאָרגן וועל איך אַנטפּלעקן מייַן סוד. פֿון איצט אָן איז עס שוין נישט מייַן סוד, ער געהערט צו אַלע מענטשן — פֿאַר זיי האָב איך אים טריי געהיטן. ניין, סאָלאָן, דער מענטש דאַרף נישט די נויט. נויט ברענגט בלויז אומקום און טויט. ווייניקסטנס ברויט צו דער זעט, מוז האָבן יעדער מענטש. פֿאַראַן אָרעמקייט און נויט פֿון וועלכע קיין שום זאַך קען נישט

אַרויסקומען, — נישט פּליים, נישט פעיקייט, נישט קיין שום המצאה. גיב יעדן אָרעמען זיין טעגלעך ברויט ווערסטו זען ווי שיין, ווי גוט עס וועט דעמאָלט זיין אויף דער ערד... קנעכט וועלן קנאַפּער ווערן, קנאה און שנאה וועט פאַרשווינדן פון דער וועלט. מיינע אויגן וועלן זען דאָס צוקונפטיקע לאַנד, דאָס שיינע און לוסטיקע לאַנד מיט בליענדיקע, גלאַנצפולע שטעט, גאָרטנס און פּרדסים אין וועלכע ליבע וועט געבן איר אַראָמאַט; יוגנטלעכע וועלן לאָזן זיך מיט ברען נאָך דעם קראַנץ, וואָס אין די הענט פון דעם מיידל; מענער — פרייע און שטאָלצע, פרויען וועלן האָדעווען גליקלעכע קינדער אין היימען, באַפרייטע פון זאָרג...

סאָלאָן (מיט א ווייכער שטים): יאָ, טייערער אַבקאָסמאָס, איך האָב דיך געוואָלט אויספּרוּוון: איך האָב דיר זייער ליב. איך האָב נאָך קיין שום מענטש אַזוי נישט געליבט ווי דיך. אָ, טייערער טרוימער וואָס גיט מענטשן גליק! דו ביסט ווערט גליק, אויך צו דער פּריוואַטער גליק מיט אָמפעליאַ... יאָ אַבקאָסמאָס, דו ביסט צו פרי געקומען... אַזאַ ליבנדיקער מענטש... אַבקאָסמאָס, ליידיק אויס דעם כּוס, וואָס קרעזוס דערלאַנגט דיך דורך מיר. טרינק אים אויס פאַרן לעבן פון דער מענטשהייט, וועלכער דו האָסט געגעבן דיינע בעסטע געדאַנקען, און טראַכט וועגן דעם מענטש, וואָס דו ליבסט...

(דערלאַנגט אים דעם בעכער).

אַבקאָסמאָס (טרינקט אים אויס ביזן סוף און פאַלט).

דראַמאַטישע באַאַרבעטונג: נ.ב.

„כ׳בין א ייד!"

קינדער־ספעקטאַקל אין זיבן בילדער (פאַר די קלאַסן 5, 6, 7)

פערזאנען

יעקב הערצל, פאַרמעגלעכער האָלץ־סוחר — 40 יאָר אַלט

חנה, זיין פרוי — 35 יאָר אַלט

בנימין זאב, זייער זון — 10 יאָר אַלט

פּאַולינאַ, זייער טאָכטער — 11 יאָר אַלט

דינה, הויזגעהילפן — 18 יאָר אַלט

יוסף, דני און יצחק, הערצלס חברים — אין עלטער פון 10 יאָר

היינריך און פריד, הערצלס חברים — אין עלטער פון 12 יאָר

פרידמאַן, פּריוואַט־לערער פון בנימין און פּאַולינאַ — 40 יאָר אַלט

ערשט ביל ד

אין עס־צימער פון הויז פון יעקב הערצל. רעכטס און לינקס פירן טירן צו די אַנדערע צימערן. אויף דער וואַנט אנטקעגנאיבער צווי פענצטער איבער וועלכע עס הענגען טייערע גאַרדינען. אין א ווינקל רעכטס — א קלאַוויר און פוןביידע זייטן הויכע, קיילעכדיקע טישן מיט בלומען־טעפּ. לינקס — א טערקישע סאָפע באַדעקט מיט זיידענע געוועבן אין פאַרשיידענע פאַרבן. אינמיטן צימער א טיש מיט ווינער בענקלעך ארום אים. אויפן פּוסבאָדן — א טייערער פּערסישער טעפּיך. דער טיש איז געגרייט מיט פאַרשיידענע מאכלים און זיסוואַרג. א משפחה־יום טוב. מ׳וואַרט אויף געסט. ווען דער פאַרהאַנג עפנט זיך זיצט פּאַולינאַ ביים קלאַוויר און שפּילט מענדעלסאָן — אַן אומעטיקע מעלאָדיע.

דינה (גייט אריין מיט א טאַץ געבעקס, פלעשער וויין, אייל־קיכלעך און גרויסן טאָרט אויף וועלכן עס זעט זיך א בולטער אויפשריפט מיט שאָקאָלאַד: „יו״ אייר, געבוירנטאָג פון בנימין". סערווירט דעם טיש און אָבסערווירט דערנאָך ווי דאס זעט אויס, צי אלץ איז אין אָרדענונג. דערנאָך ווענדעט זי זיך צו פּאַולינאַ): **זאָג מיר, פּאַולינאַ, וואָס פאַראַ מעלאָדיע שפּילסטו? דאַכט זיך, אַז**

דאָס פּאַסט אַבסאָלוט נישט צום געבוירנטאָג פון אונדזער טעאָדאָר. אַזוי טרויעריק...

פּאָולינאַ: כ׳ווייס אַליין נישט באמת פאַרוואָס איך האָב אויסגעקליבן היינט דווקא די מעלאָדיע. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז עפּעס נישט אָנגענעמס וועט היינט פּאַסירן (לייגט ארויף די האנט אויפן הארץ) עפּעס איז מיר היינט טרויעריק אויפן האַרץ.

דינה: פאַרטרייב די טרויעריקע געדאַנקען. היינט איז דאָך אַ פריידיקער טאָג. טעאָדאָר איז אַלט געוואָרן צען יאָר. ער איז שוין אין דער פערטער קלאַס און איינער פון די אויסגעצייכנסטע שילער.

פּאָולינאַ: כ׳בעט דיך, דינה, רוף אים נישט טעאָדאָר. ער האָט נישט ליב דעם פרעמדן נאָמען.

דינה: אָבער אַלע רופן אים דאָך מיט דעם נאָמען!

פּאָולינאַ: כ׳קאָן נישט קיינעם פאַרמאַכן דאָס מויל, אָבער זיינע יידישע חברים האָט ער געוואָרנט זיי זאָלן אים נישט רופן מיט זיין גויישן נאָמען. כ׳האָב געהערט ווי ער האט איינגעטענהט מיט זיינע חברים: — די נעמען פון אונדזערע העלדן זענען ערגער ווי ״פריץ״, ״היינריך״, ״יאָהאַן״? מיר זענען דאָך יידן! מיר דאַרפן דעריבער נישט שעמען זיך מיט די נעמען פון אונדזערע אורעלטערן אָדער פון אונדזערע העלדן. זעסט דאָך, דינה, אַלע מענטשן אין אונדזער משפחה טראָגן דאָך נעמען פון אונדזערע אבות! מיין טאַטע הייסט יעקב, די מאַמע — חנה, און זיין נאָמען איז בנימין.

דינה: און פאַרוואָס האָט מען דיר אַ נאָמען געגעבן פּאָולינאַ?

פּאָולינאַ: ווער האָט דיר געהייסן מיך רופן מיט דעם נאָמען?

דינה: כ׳מיין, אַז ווען די לערער רופן בנימין אין קלאַס: ״בנימין הערצל״ פאַרקרומען זיי זיך גאַנץ גוט. אַלע זענען זיי אַנטיסעמיטן.

פּאָולינאַ: די גויישע חברים האָבן אים אָבער זייער ליב. מיט יעדער שווערער זאַך ווענדעט מען זיך נאָר צו אים, בנימין זאָל זיי אויפקלערן. און ער קלערט אַלעמען אויף געדולדיק. זיינע קענטעענישן אין די אַלגעמיינע לימודים זענען פיל גרעסער פון זיינע חברים, הגם ער איז פיל יינגער.

דינה: יאָ, יאָ. עטלעכע מאָל האָב איך געהערט פון מענטשן, אַז בנימין וועט אַמאָל זיין אַ גרויסער מענטש. פּאָולינאַ, האָב איך דאָ אַמאָל עפּעס נישט פאַרגעסן?

פּאָולינאַ: (שטייט אויף, גייט צו צום טיש): יאָ, אַלץ איז אין אָרדענונג. בלויז אַביסל בלומען פעלן צום באַצירן דעם טיש. לויף דינה אין גאָרטן — רייס אָפּ

עטלעכע וואַזאַניקעס בלומען און שטעל זיי אויפן טיש.

דינה: (לאָזט זיך צו דער טיר און קומט גלייך צוריק): **און וואָס פארא מתנה האסטו צוגעגרייט פאר בנימינען?**

פאַולינאַ: די מאַמע איז געגאנגען קויפן (ס׳הערן זיך טריט). **אָ, דאָס מוז אוודאי זיין די מאמע.**

צווייט בילד

(חנה קומט אריין אין צימער, אָנגעטאן אין א זומער־קלייד. אויפן קאָפּ א שטרוי־הוט מיט א פּאַווע־פעדער. א לייכט טיכל הענגט אַראָפּ איבערן געזיכט, אין די הענט עטלעכע פאקעטן, אריינקומענדיק, פארבייגט זי דאָס טיכל פון פנים)

פאַולינאַ: (לויפט איר אקעגן) **מאַמעשי!** (נעמט זי ארום). **זאָג מיר גלייך, וואָס האָסטו געברענגט. כ׳האָב שוין נישט קיין געדולד צו וואַרטן.**

חנה: (מיט ליבשאַפט) **אָ, ווי נייגעריק דו ביסט, טעכטערל, וואַרט אַביסל. לאָז אָפּעטעמען און אויסטאָן דעם הוט. באַלד וועסטו זען** (לייגט אוועק די פעקלעך אויף דער סאָפע, נעמט אַראָפּ דעם הוט און גיט אים דינה׳ן) **נעם, דינה, הענג אים אויף אויף דעם הענגער. אָ, ווי מיד איך בין. אַזאַ הייסער טאָג!** (גייט צו צום שפיגל אויף דער וואַנט. פארקעמט זיך די צעפּלאָשעטע האר, ווענדט זיך ווידער צו פאולינא). **וויסטו וואָס איך האָב געקויפט פאר אונדזער בנימין? אָנו, טרעף!** (בינדט אויף די זייד־שנירלעך פון פארפּאַקונגס־פּאַפּיר, נעמט אַרויס א בוך, געבונדן אין באַגילדעטע טאָוולען און גיט פּאַולינען). **אָט דאָס איז עס. וועגן דעם בוך האָט בנימין געטרוימט. דאָס איז זיין צום מיינסטן באליבט בוך.**

פאַולינאַ: (בלעטערט דאָס בוך און שפרינגט פאר פרייד): **אָ, ׳נתן דער ווייזער׳ פון לעסינג. אָ, ווי בנימין וועט זיך פרייען, — נישטאָ אַזאַ גוטע מאַמע ווי דו! אַ דאַנק! דאָס בוך וועט אים זיין טייערער, ווי גאָלד און זילבער!**

דינה: (וואס איז די גאנצע צייט געשטאנען ביי דער טיר, דערנענטערט זיך צו חנה׳ן): **אנטשולדיקט, מאדאם!**

חנה: וואָס איז, דינה?

דינה: אויך איך וויל אים עפּעס געבן א מתנה אין זיין געבוירנטאָג, גיט מיר אַביסל געלט אויף מיין חשבון, וועל איך לויפן אין געשעפט עפּעס קויפן.

חנה: אויך דיר, דינה, האב איך נישט פאַרגעסן, און נישט אויף דיין חשבון, פאַר־שטייט זיך (נעמט ארויס א פעקל און גיט דינה׳ן). **אָט דאָס קענסטו געבן בנימינען.**

דינה: (עפנט דאָס פּעקעלע. נעמט ארויס שרייב־געצייג פון מאַרמור). אָ, אָ, טייערע זאכן! אַ דאַנק, מאדאם, נו, — איצט גיי איך רייסן בלומען (אָפּ).

חנה: (לייגט זיך צו אויף דער סאָפע, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף דער האנט). פּאַולינאַ, ווייסט נישט, פאַרוואָס בנימין איז אזוי אומעטיק? שוין לאנג ביי אים דאָס באמערקט.

פּאַולינאַ: (זיצט ביים קלאַוויר, לאָזט הערן מיט די פינגער איינציקע אַקאָרדן) נייך, מאַמע, כ׳ווייס גאָרנישט נישט.

חנה: עפּעס א גרויסע ענדערונג קומט ביי אים פאָר. ער איז דאָך געווען אַזאַ פריילעך קינד, פול מיט לוסטיקייט. איצט איז ער אַזוי אַנדערש. טיילמאָל הערט ער צומאָל נישט וואָס מ׳רעדט, תמיד פאַרטראַכט און פאַרחלומט. איך פיל, א מאַמעס הארץ פילט... (נאָך א ווייל שוויגן) האט ער דיר גאָרנישט דערציילט?

פּאַולינאַ: נייך, מאַמע, גאָרנישט נישט. אָבער אויך איך זע אין אים אָן ענדערונג. ווי אַסך זאַכן, רעטעניש׳ן, וואָלטן אים געמאַטערט און ער קען זיי נישט לייזן.

חנה: ער איז צופיל ערנסט פאַר זיין עלטער. שוין צו פינף יאָר פלעגט ער שטעלן טיילמאל פראַגעס וואס האבן מיך מיט דעם טאטן אין גאנצן צעמישט. די מעשיות פון דער תורה און נביאים מאַכן אויף אים א גרויסן איינדרוק. זיין איצטיקער צושטאַנד באַזאָרגט מיך שטאַרק.

פּאולינא: (פארמאכט דעם קלאַוויר. שטייט אויף, גענענט צו דער מוטער, קניט אויפן טעפּיך ביי דער סאָפע, לייגט די הענט אויף דער מוטערס קני): ווייסט, מאמע, איין מאל האט ער מער דערציילט, אז ס׳האט זיך אים געחלומט א זייער שיינער חלום.

חנה: אינטערעסאַנט, וואָס פאַרא חלומות אים חלומען זיך. מיר דערציילט ער דאָס נישט.

פּאַולינאַ: ס׳האָט זיך אים געחלומט ווי אַן אַלטער גרייז־גרויער מענטש מיטן פּנים פון א געטלעכן מלאך באַוויזט זיך צו אים און זאגט: מיין קינד, כ׳בין משיח בן־דוד, און דו קום, גיי מיט מיר. און אזוי רעדנדיק האט ער אים גענומען אויף די הענט און אַזוי אוועקגעשוועבט אין דער לופט, ביז זיי זענען אָנגעקומען אין א פּרעכטיקן פּאַלאַץ. אינעווייניק זענען די אויגן פארבלענדט געוואָרן פון די טייערע איידלשטיינער, און אויף א הויכן פּאָטעל איז געזעסן איינער מיט א טרויער־שטראַלנדיק געזיכט. האָט אים דער אַלטער אָפּגעלאָזט פון די הענט, אים פאָרגעשטעלט און געזאגט: משה בן־עמרם, דער עלטעסטער פון אלע

נביאים. קוק און זע. אויף דעם יינגל האב איך תפילה געטאָן זינט דאס יידישע פאלק איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין ערד. דערנאָך האָט ער זיך צו מיר גע־ווענדעט און געזאגט: גיי, מיין קינד, ווען דו וועסט אויפוואַקסן, צו מיינע גע־פייניקטע ברידער אין די גלות־לענדער און זאָג זיי, אז נאָענט איז דער טאָג און זיי וועלן צוריקקערן אין זייער לאַנד און דאָרט זיצן ווי אין אַמאָליקע צייטן, און ער האָט אים געוויזן דאָס גאנצע לאַנד און באלד פארשוואונדן.

חנה: (שטעלט זיך אויף א דענערווירטע און גייט אהין און צוריק איבערן צימער): יאָ, יאָ, איצט איז מיר קלאָר, אלץ איז קלאָר. איצט ווייס איך פאַרוואָס ער איז אַזוי טרויעריק. א וויזיאָנער איז ער, א פאַנטאַזיאָר. אָט דער חלום האָט דאָס אויף אים אזוי געווירקט.

פאַולינאַ: קיין וואונדער נישט, מאַמע, וואָס ער חלומט אַזעלכע חלומות. ער לערנט דאָך איצט וועגן דוד המלך, משה רבנו, משיח און נאָך אַנדערע זאכן פון אונדזער געשיכטע. און וועגן דעם וואָס מ׳טראַכט בייטאָג חלומט זיך טיילמאָל ביינאַכט, ריכטיק? (קערט זיך צו דער טיר). אָ, כ׳הער טריט. דער טאַטע גייט אוודאי מיט עמיצן.

דריט בילד

(יעקב קומט אריין, נאָך אים פרידמאַן)

פרידמאַן: (מיטלווקס. שוואַרץ בערדל, ציכטיק אָנגעטאָן, בלאַנקעדיקע שיך, אויסזען פון א געבילדעטן מענטש): אַ גוטמאָרגן אייך, מאַדאַם הערצל! זייט באַגריסט, פאולינא!

חנה: (שטרעקט אויס די האַנט) אָ, אָ, אַ חשובער, ליבער גאַסט. זיצט ביטע.

פרידמאַן: כ׳בין אייך געקומען ווונטשן צום געבוירנטאג פון אייער זון. דער־לעבט פון אים נחת, זאָל ער זיין א גוטער ייד. א טייער יינגל, גלויבט מיר, אַז איך גיב נישט סתם קיין קאָמפּלימענטן.

חנה: (צופרידן) כ׳ווייס, כ׳ווייס, איר זענט דערצו נישט געוווינט. הלוואי זאל אמת זיין וואָס איר זאגט.

חנה: (צום מאַן) נעם דאָס און גיב בנימינען (דערלאַנגט אים די געקויפטע ביכער).

יעקב: (מיט אומווילן): ביכער? און איך האב געמיינט אז וועסט אים קויפן...

חנה: (רייסט אים איבער): אונדזער זון, יעקב, האט ליבער ביכער ווי אלע אנדערע זאכן. קוק, לידער פון יהודה הלוי, עמנואל הרומי, דאָס איז דאָך דער צווייטער דאַנטע. און עזרא, א וואונדערבאַרע איבערזעצונג!

פרידמאַן: (באַגייסטערט) אויסגעצייכנט, אויסגעצייכנט, נישטאָ נאָך אזא קלוגע

ווי איר, מאַדאַם הערצל. פעלט דען אייער בנימענען אחוץ ביכער? (קוקט זיך איין אין די ביכער) **אויף דער דרוק איז אויסגעצייכנט! א פולע שראַנק ביכער וועט ער דאָך האבן!**

חנה: איצט, מיינע הערן, לאָמיר אריינגיין אין גאַסטצימער, כ׳וועל הייסן דערלאַנגען קאַפע, ווייל ביז בנימין וועט צוריקקומען פון שולע וועט נאָך אַביסל דויערן. קומט!

יעקב: גערעכט, גערעכט, לאָמיר גיין. (גרייטן זיך אַרויסצוגיין און טרעפן אָן אויף בנימינען ווי ער שטייט אויף דער שוועל מיט דער שול־טעקע אויף די אַקסלען).

פערט בילד

חנה: (דערשרעקט זיך פון זיין פלוצימדיקן אַנקומען): **דאָס ביסטו, בנימין?**

בנימין: יאָ, איך און נישט קיין אַנדערער (פנים רואיק אבער זייער ערנסט).

יעקב: וואָס, מען האָט דיר געגעבן פריי אין דיין געבוירנטאָג? זייער שיין פון זייער זייט.

בנימין: זיי ווייסן אבסאלוט נישט, אז היינט איז מיין געבוירנטאָג.

יעקב: נאָר וואָס דען?

חנה: אבער פארוואס שטייסטו אויף דער שוועל, קום אריין אין צימער!

בנימין: (מיט א ביטערן שמייכל) **כ׳האָב אייך היינט, צו מיין געבוירנטאָג געברענגט א זאך, וואס וועט אייך אלע איבערראשן.**

אלע: וואָס, האָט פאַסירט? דערציילט!

בנימין: (מיט אַבסאָלוטער גלייכגילטיקייט) **כ׳האב היינט געענדיקט די חשבונות מיט מיין גימנאַזיע, כ׳גיי מער נישט אהין.** (גייט אריין אין צימער, נעמט אראָפּ די טעקע פון די אקסלען און וואַרפט אויף דער סאפע) **צום טייוול** (אנטשלאָסן) **כ׳גיי מער נישט אין דער שולע, ווו מ׳פארשעמט און מ׳זידלט יידן!**

יעקב: אָבער וואס האָט פאַסירט, אויב מ׳קען וויסן?

בנימין: (צום לערער), **זאָגט מיר, לערער, האָט איר נישט פיל מאָל דערקלערט, אַז מ׳דאַרף נישט אראָפּבייגן דעם קאָפּ, בעת מ׳באַליידיקט אונדז און נישט ענטפערן אויף די באליידיקונגען?**

פרידמאן: חס ושלום! מיר מוזן ענטפערן אונדזערע שונאים מיט אן אויפגעהויבענעם קאָפּ און ווייזן זיי, אַז מיר זענען גערעכט!

בנימין: (צו זיך): **אויב אַזוי האָב איך געהאַט רעכט** (צו די עלטערן) **אויף דער לעקציע פון געשיכטע, שטעלט זיך אויף א שילער און פרעגט: לערער, וואס**

הייסט דאָס וואָרט "געצנדינער"? ענטפערט דער לערער מיט א שפּאָטיש געלעכטער, וואַרפט זיין בליק, ווו עס זיצן יידן, און זאָגט: (שפּעט נאָך דעם לערער) געצנדינער זענען מענטשן, וואָס דינען די אָפּגעטער געמאַכט פון האָלץ און שטיין, ווי, למשל, די ווילדע שבטים, וואָס לעבן אין די אַפריקאַנישע וועלדער, מוסולמענער און יידן. יידן אָבער ביקן זיך ליבערשט צו געטער פון זילבער און גאָלד.

פּ א ו ל י נ אַ: (מיט כעס) אַזאַ חוצפּה!

פ ר י ד מ אַ ן: (ברעכט אויס אין א שפּאָטיש געלעכטער) כאַ, כאַ, כאַ! נו, א וואָזש־נער געלערנטער איז אייער לערער, נישטא נאָך אזא איינער!

י ע ק ב: (דערשטוינט) האָסטו גענומען די ביכער און געגאַנגען אהיים?

פּ א ו ל י נ א: (אומגעדולדיק) און האָסט גאָרנישט געזאָגט?

ב נ י מ י ן: ניין, דאס איז געווען אזוי. איך האב זיך אויפגעשטעלט און אים געזאגט: הער לערער! יידן זענען געווען די ערשטע וואָס האָבן אָנגענומען די צען געבאָט אין וועלכע ס׳ווערט געזאָגט: איך גאָט בין דיין גאָט זאָלסט נישט מאַכן קיין פּסל און אָפּבילד! בעת איר, די גערמאַנישע שבטים, זענט געזעסן אין די היילן און געשפּייזט זיך מיט מענטשן־פלייש ווי חיות. אויך דאָס דאַרף א היסטאָריע־לערער וויסן. ערשט דערנאָך האָב איך גענומען מיינע זאַכן און פאַרלאָזט די קלאַס.

פּ א ו ל י נ אַ: (לאכט) כא, כא, כא! דאָס הייסט געגעבן לשון! (פאטער און מוטער בלייבן שטיין א וויל דערשטוינט און פאַרוווּנדערט).

פ ר י ד מ א ן: (דערמוטיקט אים): ליבער בנימין, איך בין שטאָלץ מיט דיר (קרעכצט) אָך, ווען אלע יידישע קינדער וואָלטן געווען ווי דו, וואָלטן אפשר אונדזערע שונאים נישט געוואָגט אזוי צו טרעטן מיט זייערע טמא פיס אונדז און אלץ וואס איז אונדז אזוי הייליק.

ח נ ה: (צו פאולינא ווי זי וואָלט זיך אויפגעכאפּט פון א נישט־אָנגענעמען חלום) וואָס האָב איך דיר געזאָגט? (צו בנימין) האב נישט קיין מורא, אויב נישט די שולע, וועסטו גיין אין אַן אַנדערע שולע.

ב נ י מ י ן: כ׳בין זיכער, מאַמע, אַז דאָ אין בודאפּעשט וועט מען מיר, צוליב דעם, אין קיין שום גויישער שולע נישט אָננעמען.

י ע ק ב: מיר וועלן זיך אריבערציען קיין ווין, לאָמיר זיך נאָר דאָרט איינאָרדענען. עס מאַכט נישט אויס. דאָס וואָס האָט שוין פּאַסירט — קאָן מען נישט אויס־בעסערן, הגם דו, מיין קינד, האָסט אַביסל איבערגעצויגן דאָס שטריקל. אָבער איצט לאָמיר זיך זעצן צום טיש, מיר זענען שוין אוודאי אלע הונגעריק.

(יעדער פארנעמט זיין פלאַץ. חנה גיסט אָן וויין אין די גלעזלעך. א קלונג אין טיר. פאולינא שטעלט זיך אויף און עפנט די טיר).

פינפט בילד

(יוסף, דני און יצחק קומען אריין)

קינדער: גוטמאָרגן!

חנה: געסט קומען, קומט אַריין, אַריין!

קינדער: מיר זענען געקומען ווינטשן אונדזער חבר בנימין צו זיין געבוירנטאָג.

(יעדער פון זיי דערלאַנגט א פעקעלע בנימינען) **נעם צו אונדזערע ברכות!**

בנימין: **א דאַנק אייך, מיינען חברים, זיצט!** (פאולינא זעצט זיי אויס אַרום טיש און גיסט זיי אָן וויין).

יוסף: (צעלאַכט זיך, אלע קוקן אים אָן פאַרוואונדערט) **ווען דו וואָלסט געזען, בנ־ימין, די איבערקערעניש, וואָס איז צוליב דיר פאָרגעקומען אין קלאַס. רויטע שפרענקעלעך זענען אים מיט א מאל ארויסגעקומען אויפן פנים, דעם לע־רער, — רויט ווי בלוט. די אויגן האָבן געברענט ווי פייער און שיער פון די אויגנלעכער ארויסגעקראָכן. דערנאָך האָט ער אנגעהויבן ארומצולויפן איבערן צימער אַהין און אַהער און אַרויסגעלאָפן פון קלאַס** (קינדער לאַכן).

דני: **נאָך דעם פאַרלאָזן פון לערער האט די גאנצע קלאס אָנגעהויבן צו רוישן. אין א פאָר מינוט שפעטער זענען אריינגעקומען: דער דירעקטאָר, דער דער־ציער און נאָך זיי דער לערער, זיך געשושקעט א ווייל, און באלד האָט דער דירעקטאָר אונדז אויסגעמוסרט, געהאלטן אַזאַ לאַנגע רעדע וואָס מיר האָבן נאָך קיינמאל נישט געהערט אין דער שולע...**

יצחק: **מיר זענען געזעסן ווי אויף ברענענדיקע קוילן. דיינע ווערטער, בנימין, גייען פון מויל צו מויל, אלע דערציילן זיך דאָס. מ'קריגט זיך און מ'דיסקוטירט.**

יוסף: **אלע האָבן זיך געקריגט מיט היינריך און פריצן, דיינע טייערע חברים, ווייל זיי האבן דיך פארטיידיקט.**

דני: **היינט האבן מיר זיך איבערצייגט, אז ביידע זענען דיר ווירקלעך איבערגע־געבן מיט הארץ און נשמה. אָט קומען זיי אליין.**

זעקסט בילד

(היינריך און פריץ קומען אַריין, ברענגען בלומען. אויף די פנימער רויטע בלוט־צייכנס פון קלעפ)

ביידע: גוטמאָרגן!

בנימין: (גייט זיי אנטקעגן): **קומט, חברים, קומט אריין** (ווייזט אן אויף די ווונדן) **וואָס איז דאָס?**

היינריך: דאָס? (פארשטעלט מיט דער האנט איבערן ריץ אויפן פנים) **דאָס איז גאָרנישט, ס'וועט אַריבער. מיר האָבן זיי אָבער איבערגעלאזט אזעלכע צייכנס אויף דעם גאַנצן לעבן** (געלעכטער).

שטימען: בראַוואָ! פאר יעדן איינעם קלאַפּ דארף מען זיי געבן צוויי!

חנה: הערט אויף וועגן דעם צו רעדן. גייט בעסער צו צום טיש (בנימין פירט זיי צום טיש און זעצט זיי אוועק).

יעקב: (הייבט אין דער הויך א גלעזל, אזוי טוען אלע אנוועזנדיקע) **לחיים!** (טרינקט).

אלע: לחיים! לחיים בנימין! (טרינקען).

חנה: (איז אלעמען מכבד מיט קוכן) **עסט, עסט, פארזוכט דעם טאָרט, וואָס כ'האָב אליין געבאַקן.** (היינריך און פריץ ווינטשן. פון הינטער די קוליסן הערט זיך א גערודער און פלאפלעריי פון קליינע קינדער. דער לערער שטעלט זיך אויף און גייט צו דער טיר).

יעקב: איר? נאך וואס האט איר זיך אויפגעשטעלט? נישטא ווער ס'זאל עפענען די טיר אויסער אייך?

לערער: אויך איך וויל דערלאנגען א מתנה פאר בנימינען אין זיין געבוירנטאָג (עפנט די טיר) **קומט אריין! פילט זיך היימיש!**

בילד זיבן

(אין צימער קומען אריין קינדער אין פּאָרלעך, שטעלן זיך אויס אין צוויי רייען און הייבן אָן זינגען און טאנצן א חסידישן ריקוד. פאולינא זיצט ביים קלאַוויר און באגלייט)

חנה: (צו פרידמאַן) **א דאַנק אייך, ה' פרידמאַן, פאַר אייער באַמיען זיך צו דער־פרייען דעם בעל־שמחה.**

פרידמאַן: כ'האָב געוואלט דערפרייען מיין תלמיד (ווייזט אויף בנימינען) **אבער עס זעט אויס, אַז דאָס געלינגט מיר נישט. א שאָד!**

חנה: (מיט פאראיבל) **פּאַרוואָס ביסטו אזוי טרויעריק? האסט נאך אליין נישט באַרואיקט זיך נאָך דער פּאַסירעניש אין שולע? ס'איז דאָך היינט דיין געבוירנ־טאג! אין דעם טאג יעדעס יאָר ביסטו דאָך געווען אזוי פריילעך און אונדז דערפרייט. און היינט ווארפסטו אָן אַן אומעט אויף אונדז אַלעמען. נישט שיין, בנימין.**

בנימין: ווייסט, מאַמעשי? היינט בין איך עלטער געוואָרן נישט מיט איין יאר נאר מיט פיל יאָרן! זינט דעם ערשטן טאָג ווען כ׳בין אריין אין שולע האָב איך געפילט, אז כ׳בין דאָ א פרעמדער, אז מיר יידן זענען אנדערש ווי אלע, אָדער ריכטיקער, מ׳מאַכט אונדז אַנדערש. מ׳טיילט אונדז אָפּ פון אַלע פעלקער. פאַר־וואָס? דער ״פארוואס?״ עקבערט מיר תמיד אין מוח און געפינט נישט קיין ענטפער. זע, אין אונדזער שולע לערנען קינדער פון פארשיידענע נאציעס: טשעכן, אונגאַרן, בולגאַרן, פּאָליאַקן, דייטשן און אַנדערע. אַלע פילן זיך אין דער שולע ווי ביי זיך; בלויז איך האב באַלד דערפילט, אז כ׳בין צווישן פרעמדע מענטשן.

יעקב: אונדזער לאַגע קאן מען נישט ענדערן, מיין קינד, מיר זענען דאָך אלע אין גלות!

בנימין: (מיט געפיל), אָבער פאַרוואָס? מיט דעם ענטפער איז מען שוין געהאָל־פן? און ביז וואנען וועלן מיר זיין אין גלות? און פארוואָס ליידן מיר מער ווי אלע פעלקער? מיט וואס זענען מיר ערגער ווי אלע? פאַרוואָס קערן מיר נישט צוריק אין אונדזער לאנד אריין און ווערן ווי אלע פעלקער צוגלייך? פילן טאַקע יידן מער נישט, אז זיי געפינען זיך צווישן חיות? איז זיי ווייניק די אוי־טאָדאַפע, די קרייצצוגן, די רדיפות און בלבולים צוליב וועלכע טייכן פון אונדזער בלוט זענען פארגאָסן געוואָרן? ווען טאַקע נישט קומען קיין סוף צו אונדזער נויט? צוריקקערן זיך דאַרפן זיי אין זייער לאַנד אריין, קיין ארץ־ישראל!

פרידמאן: דו ביסט גערעכט, מיין קינד, אבער ווער וועט אונדז אהינפירן? קיין פירער, קיין פירער האט דאָך נישט דאָס פאלק.

בנימין: (פון טיפער גערירטקייט קלאפּט אין טיש) איך, איך וועל זיי פירן אין אונדזער לאַנד אריין!

אַלע דערוואַקסענע (פאַטשן בראַוואָ; חנה און יעקב גיסן אָן די כוסות) לחיים!

קינדער: (פאַטשן בראַוואָ)
אור־ראַ! אור־ראַ!

י. נאַדעל

(פאַרהאַנג פאַלט גיך)

די נייע געזעלשאַפט

איינאַקטער לויטן ראָמאַן פון טעאָדאָר הערצל "אַלטניילאַנד"

צימער אין קאָמיטעט־הויז אין דער קאָלאָניע. אין צימער געפינען זיך: דוד ליטוואַק, שטיינק, קינגסקאָרט, מרים, דער קאָמיטעט־פּאַרזיצער פרידמאַן, דער פויער מענדל און נאָך 4־5 פויערים און אייניקע יוגנטלעכע.

פרידמאַן (אַ געזונטער פויער ביי פערציק יאָר): **אין נאָמען פון אונדזער קאָלאָניע באַגריס איך די חשובע געסט, און באַזונדערס די פּאַרטיי־פירער, די הערן ליטוואַק און שטיינק.**

ליטוואַק: פיל דאַנק אייך פאַרן כבוד, וואָס איר גיט אונדז אָפּ.

קינגסקאָרט (שעפּטשעט): **צו אַלדי טייוול, איך האָב נישט געוווּסט, אַז דו ביסט דער וואָרטזאָגער פון דער פּאַרטיי!**

מענדל (אַ פויער — אַ גבר, אָפּגעברענט פון דער זון, פּלאַטערט מיטן קאַפּעליוש אין זיינע האַרטע הענט): **הער ליטוואַק און הער שטיינק וועלן דערלויבן אויך איך זאָל עפּעס זאָגן, איין וואָרט.**

שטימען ארום: מענדל זאָל נישט וואַגן צו רעדן! ער האָט נישט קיין רעכט צו רעדן!

מענדל: איך וועל יאָ רעדן! (געדודער).

ליטוואַק (באַרואיקט די שרייערס מיט אַ האַנט־צייכן): **אדרבא, זאָל ער רעדן.**

מענדל (מיט שפּאָט): **זעט איר! הער ליטוואַק איז אָרנטלעכער פון אייך, אייזלען! דאָס וואָס איך וויל זאָגן איז בלויז דאָס: פרידמאַן האָט נישט גערעדט אין נאָמען פון דער גאַנצער געמיינדע.**

שטימען: נישט ריכטיק! ער איז דאָך דער ראש פון קאָמיטעט!

מענדל: די געסט מעג ער באַגריסן, ער איז מחוייב, און בנוגע דעם האָט ער גערעדט אין אונדזער אַלעמענס נאָמען, אין נאָמען פון די איינוווינער פון "ניי־דאָרף", מיר האַלטן דאָך פון הכנסת אורחים, אָבער אַלס פּאַרטיי־פירער האָט ער נישט קיין רעכט צו באַגריסן די געסט. ביי אונדז אין "ניי־דאָרף" עקזיסטירט אַ פּאַרטיי, וואָס איז נישט די פּאַרטיי פון ה' ליטוואַק, און דאָס האָב איך אייך געוואָלט זאָגן, הער ליטוואַק און הער שטיינק!

קינגסקאַרט: אָ־וואָ, ווייזט אויס, אז מיר זיינען דאָ אַריינגעפאַלן אין א פיינט־לעך לאַנד.

שטיינק: אויפעסן וועט מען אונדז דאָ נישט (שטיל) מיר זיינען דאך דא געקומען בלויז באַאיינפלוסן און איך וועל שוין אויסגלייכן די קרומע מוחות פון די דאָזיקע פויערים... (זוכט אין טעקע) גאָט מיין גאָט, ווו האָב איך מיין רעדע? ניין, מיין רעדע איז נישטאָ.

מרים (לאַכט): איר האָט דאָך דאָס אריינגעלייגט אין רייזע־זאַק!

שטיינק: אָ, איצט דערמאָן איך זיך: כ׳האָב זי אריינגעלייגט אין דער וואַליזקע.

מרים: אויב אזוי רעדט אָן צוגרייטונג, פון דער האַנט (געדרודער צווישן די פויע־רים. ס׳קומט אַריין הרב שמואל, אַן איינגעבויגענער אַלטיטשקער, א גוטמו־טיקער; באַגריסט ליטוואַקן, קענטיק, אַז ער געהערט נישט צו מענדלס פאַר־טיי, דערווייטערט זיך און זעצט זיך צום טיש מיט די פויערים).

מרים (גייט צו צו די געסט און קלערט זיי אויף): דאָס איז ר׳ שמואל. געקומען אין לאַנד אריין מיט די ערשטע עולים בעת דער דאָזיקער בליענדיקער טאָל איז נאָך געווען וויסט און דער ברייטער עמק יזרעאל איז נאָך אויך געווען פוסט. ר׳ שמואל איז געווען דער טרייסטער, אָ טרייער פאַסטעך פון די מענטשן און ״ביי־דאָרף״, וואָס זיינען געקומען פון רוסלאַנד כדי צו באַזעצן זיך אויף אָט דער ערד. ער האָט זיך דאָ באַזעצט אַלס רב פון דער עדה, הגם גרעסערע קהילות האָבן אים נישט איינמאָל פאָרגעלייגט דאָס כסא־הרבנות.

פרידמאַן: נו, חברים, ברעגנט אַביסל כיבוד פאַר אונדזערע געסט (עטלעכע בחורים גייען אַרויס און קומען באַלד צוריק מיט פרוכטן). איר האָט אונדז עפעס געוואָלט זאָגן, אַרכיטעקט שטיינק?

פויערים: מיר ווען גערן הערן.

פרידמאַן (ווענדעט זיך צו די פויערים): איצט וועל איך אייך בעטן: שטערט נישט די רעדנער אַפילו ווען איר וועט ניש מסכים זיין מיט זיי. דער גוטער נאָמען פון ״ביי־דאָרף״ פאַרלאַנגט דאָס. ביטע, אַרכיטעקט שטיינק.

שטיינק: טייערע חברים! מיר המ... מיך האָט געטראָפן אַן אומגליק... המ... פאָרנדיק אַהער... המ... מיין רעדע האָב איך פאַרלוירן אויפן וועג. איך האָב פאַר אייך צוגעגרייט א רעדע, רבותי, און זי איז מיר פארלוירן געגאַנגען... (געלעכטער)

שטיינק: אין אונדזער נייער געזעלשאַפט האָבן מיר, המ... זיינען מיר דער־גאנגען צו א ווענדפונקט המ...א ווענדפונקט. איך וויל אייך בלויז זאָגן דאָס אַליין: צו אַ ווענדפונקט זיינען מיר דערגאַנגען! (ווישט זיך דעם שוויס) אָבער

וואָס איז דער דאָזיקערווענדפּונקט, טייערע פריינט? אייגנטלעך אײדער איך וועל רעדן וועגן ווענדפּונקט, המ... — וויל איך צוריקקערן צום עבר, צו דער פאַרגאַנגהייט. וואָס איז געווען אייער, אונדזער פאַרגאַנגהייט המ...? — דער געטאָ!

קולות: ריכטיק.

שטיינק: און ווער האָט אײַך ארויסגענומען פון געטאָ, המ... ווער?

מענדל (מיט א שטאַרקער שטים): מיר אַליין!

שטימען: שטילער! שטילער!

שטיינק: ווער איז דאָס, מיר אַליין? מענדל אָדער עמיצער אַנדערש?

מענדל: דאָס פאָלק!

שטיינק: איך בעט מיך נישט איבערצורייסן! המ... און איך נעם אָן מענדלס צווישנרוף: דאָס פאָלק! אוודאי! זיכער דאָס פאָלק. אָבער דאָס פאָלק אַליין האָט דאָס נישט געקענט טאָן. המ... אונדזער פאָלק איז געווען צעשפּרייט איין דער גאַנצער וועלט אין קליינע הילפלאָזע קיבוצים, און אײדער עס איז אימ־שטאַנד געווען צו העלפן זיך אַליין, איז נויטיק געווען עס צו פאַראייניקן, צע־נויפזאַמלען.

מענדל: יאָ, די מנהיגים. מיר ווייסן דאָס שוין גאַנץ גוט.

פרידמאַן: שוויג, מענדל, און שוין! ביטע הער שטיינק.

שטיינק: המ... יאָ. איך רעדט ווייטער. ״די פירער״—האָט געזאָגט מענדל, און איך מיין, המ... אז ער האָט דאָס געזאָגט מיט שפּאָט, אָבער דאָס איז דער אמת. ווו איז דעמאָלט געווען אייער גייער, דער וואָס העצט אײַך היינט אונטער? איך וועל אײַך זאָגן: אייער ד״ר גייער איז דעמאָלט געווען אַן אַנטי־ציוניסט. דעמאָלט — און דאָס וועט ער תמיד זיין: ער נעמט זיך אָן פאַרן פּריוואַטן נוצן —

פויער: אַנטשולדיקט מיר, הער שטיינק! דאָס איז נישט מעגלעך...

שטיינק: און דאָך האָט ער דאָס געטאָן... ער האָט נעגירט זיין פאָלק און לאַנד. ער האָט געלייענט אין סידור דעם נאָמען ציון און אריינגעלייגט אין אים אַלע באַדייטונגען אין דער וועלט, חוץ ציון אליין.

שטימען: ניין, ניין! דאָס האָט גייער נישט געזאָגט, דאָס איז אוממעגלעך! וואָס זאָגט איר דערצו, ר׳ שמואל?

ר׳ שמואל (שטעלט זיך אויף): דאָס איז אמת! געווען אַזעלכע רבנים און אפשר איז ד״ר גייער אויך געווען איינער פון זיי. איך ווייס נישט דאָס, און איך מוז גלייבן דעם הער שטיינק. געווען אַזעלכע רבנים, געווען...

שטיינק: אַט יענע רבנים פון פּריוואַטן נוצן האָבן פאַרביטערט אונדזער לעבן, און אַט דער גייער זעצט נאָך דאָס פּאַר ביזן היינטיקן טאָג. דעמאָלט, אין די שווערע טעג פון אָנהייב, האָט ער פאַרבאָטן צו דערמאָנען דעם נאָמען ארץ־ישראל. איצט איז ארץ־ישראל מער ווי מיר אַלע. אָט דער צדיק רעדט אין גאָטס נאָמען, פאַרגלאָצט די אויגן צום הימל, און אין דער אמתן קוקט ער נאָר אויפן פּריוואַטן נוצן. זיין גאַנצע כוונה איז נישט מער ווי אונדז אָפּצוטיילן פונעם כלל, פון גאַנצן ציבור, פאַרשפּרייטן אומצוטרוי צווישן אונדז. איר דאַרפט אויסקלייבן א דעלעגאַט צום קאָנגרעס — קלויבט אויס אזא וואָס זאָל נישט אינזינען האָבן פּריוואַטן נוצן, נישט דעם צייטווייליקן נאָר דעם פּערמאַנענטן נוצן. אויב איר וועט אויסקלייבן איינעם פון גייערס אנהענגער, זענט איר נישט ווערט אפילו, אז די זון פון אונדזער הייליק לאַנד זאָל אויף אייך שיינען. איך האָב געענדיקט.

פרידמאַן: וויל נאָך עמיצער רעדן?

מענדל: איך! דער אַרכיטעקט שטיינק האָט פאַר אונדז געהאַלטן א רעדע. מ׳קען זאָגן אז דאָס איז געווען א שיינע רעדע און מ׳קען זאָגן, אַז דאָס איז געווען א גראָבע רעדע. איך זאָג, אז דאָס איז געווען א גראָבע רעדע.

פרידמאַן: מענדל, באַליידיק נישט! כ׳וועל דאָס נישט דערלויבן!

מענדל: באַליידיקן? ווער באַליידיקט? ער האָט אונדז באַליידיקט. ער האָט געזאָגט, אז מיר זיינען נישט ווערט די זון זאָל אויף אונדז שיינען, און פאַרוואָס? ווייל מיר ווילן נישט אריינגעמען צו אונדז אַלץ וואָס קומט אונטער דער האַנט? ווער האָט זיך געפּייניקט און געהאָרעוועט אויף דער דאָזיקער ערד? מיר! ווער האָט פון דאַנעט באַזייטיקט די שטיינער? מיר! ווער האָט אויסגעטריקנט די זומפּן? געגראָבן די קאַנאַלן, געפלאַנצט די ביימער? מיר! און איצט מיטאַמאָל, וועט דאָס אַלץ נישט געהערן צו אונדז? וואָס שייך ד״ר גייער — דאָס גייט מיך אינגאַנצן נישט אָן. דאָס וואָס ער האָט אַמאָל געזאָגט — אַרט מיך אויך נישט, אָבער איצט — איז גייער גערעכט. דאָס וואָס מיר האָבן געשאַפן מיט דער פּראָצע פון אונדזערע הענט, איז אונדזערס און מיר וועלן נישט לאָזן ביי קיינעם פון אונדז דאָס אַוועקנעמען.

(ליטוואַק גייט ארויף אויף דער טריבונע)

ליטוואַק: רבותי, הערט וואָס איך וויל אייך זאָגן. איר ווייסט גאַנץ גוט, אז איך בין איינער פון אייך. געננוי ווי איר, האָב איך געאַרבעט אין פעלד צוזאַמען מיט מיין פאָטער. איך קען גוט די ליידן און פריידן פון א פּויער, פונדעסטוועגן זאָג איך אייך, אז מענדל איז נישט גערעכט. ער מאַכט א טעות ווען ער טראַכט

אַז אַלץ, וואָס מיר זעען דאָ, האָט איר געשאַפֿן. אייערע הענט האָבן דאָס טאַקע געמאַכט, אָבער נישט אייערע מוחות האָבן דאָס אויסגעטראַכט. ווען איך בין היינט ארומגעפאָרן מיט די צוויי פרעמדע הערן, בין איך געווען שטאָלץ צו ווייזן זיי אונדזערע פעלדער, אונדזערע פּלאַנטאַציעס, אונדזערע גרינע גאָרטנס, די פּרעכטיקע הייזער אונדזערע, די זומפּיקע ערד וואָס מיר האָבן דעראָבערט. און איך זאָג "אונדזערע" הגם צו מיר געהערט נישט אפילו איין שפּאַן ערד, קיין איין מאַשין, קיין איין בהמה. אַלץ איז אייערס. און אויב מען וועט קומען מיך פרעגן: ווער האָט געשאַפֿן אָט דעם גרויסן נס? וועל איך ענטפערן גענוי ווי מענדל: מיר, מיר, מיר! רבותי, ווען עס איז דערפינדן געוואָרן די מאַשין, האָט זי געבראַכט רייכטום די ערד־באַזיצער און פאַראָרעמט די פּויערים. די פאַראָרעמונג פון דער פּויערים־קלאַס האָט שווער געטראָפן די אַלטע סאָציאַלע אָרדענונג. האָבן זיך געפונען אָרנטלעכע מענטשן, וואָס האָבן געוויטיקט די דאָזיקע עוולה און געמאַכט פאַרשיידענע עקספּערימענטן כדי צו פאַריכטן דעם מצב.

מ ע נ ד ל: צו דער זאַך! וואָס פאַראַ שייכות האָט דאָס אַלץ צו 'ביי־דארף'?

ל י ט וו אַ ק: זייער פיל. מיט יעדער נייער מאַשין איז אין דעם משונהדיקן 19טן יאָרהונדערט צוגעקומען א נייער סאָציאַליסטישער חלום. עס זיינען אויפגעקומען אוטאָפּיעס פון אַמעריקאַנער בלאַמי, פון ווינער הערצקע. זיי זיינען אָבער דורכגעפאַלן, ווייל זיי האָבן געוואָלט אויפבויען דערמיט דאָס וואָס זיך גענויטיקט אין א באַוויז. זיי האָבן געמיינט, אַז מאַשינעריע איז דער הויפּטווערט פאַר דער שאַפונג פון עפּעס ביים. ניין, נישט דער כוח איז דער עיקר, און אויב דער כוח איז אין מיינע הענט און איך געוועלטיקט מיט אים, וועל איך זיך באַנוצן מיט דער הילף פון דער מאַשין ווי ווייט דאָס איז נאָר מעגלעך. און מיר האָבן דעם כוח! פון וואַנען נעמט ער זיך? ער קומט פון דעם גרויסן און פאָרכטיקן דרוק אויף אונדז פון אַלע זייטן, פון די רדיפות און ליידן. דאָס אַלץ האָט צוזאַמענגעקליבן די צעשפּרייטע און צעשפּליטערטע. א גאַנץ פאָלק האָט זיך ווידער אָפּגעפינען. און מיר האָבן געשאַפֿן די נייע געזעלשאַפט נישט ווייל מיר זיינען געווען אויסדערוויילטע מענטשן נאָר ווייל עס איז געווען דער היסטאָרישער כוח צו טאָן דאָס אין אונדזער תקופה און ביי אונדזערע לעבנסבאַדינגונגען.

מ ע נ ד ל: צו דער זאַך! צו דער זאַך!

ל י ט וו אַ ק: נאָך אַ ביסל און איך ענדיק. אייער דאָזיקע התחלה וואָלט נישט געווען מעגלעך ווען נישט יענע גרויסע פּאָליטישע און סאָציאַלע אַרבעט, וואָס איז

געמאַכט געוואָרן אינעם 19טן יאָרהונדערט. אויב איר גייט היינט אריין אין אייער קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוו און באַקומט די בעסטע סחורות פאַר די ביליקסטע פרייזן, דאַרפט איר זיין דאַנקבאַר יענע פּיאָנערן פון רוטשדעל. און אויב אייער "נײַ־דאָרף" איז היינט א בליענדיקע פראָדוצירנדיקע קאָאָפּעראַציע, דאַרפט איר דאַנקבאַר זיין יענע נעבעכדיקע געפּייניקטע ארבעטער פון אירלענדישן ראַהאַליין.

יונגער פויער: וואָס איז אַזוינס ראַהאַליין?

ליטוואַק: א נאָמען פון אַן אָרט. אין 1831 האָבן אַזעלכע מענטשן ווי איר אויפגעשטעלט א נייע דאָרף אין ראַהאַליין אין אירלאַנד מיט דער הילף פון א רייכן גוטבאַזיצער מיסטער וואַנדליר. אַט דער וואַנדליר האָט איינמאָל פאַרזאַמלט זיינע ארבעטער, וואָס זיינען געווען אין א גרויסער נויט, האָט זיי פאַראייניקט און צו זיי פאַרפאַכטעט זיין גוט, ראַהאַליין, וואָס האָט זיך זינט דעמאָלט געפירט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. דער עקספּערימענט האָט זיך איינגעגעבן. די ארבעטער האָבן אנגעהויבן צו אַרבעטן מיט מער מוט און התמדה; זיי האָבן געוווסט, אז זיי אַרבעטן פאַר זיך און נישט פאַר אנדערע. גיך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז זיי פראָדוצירן צוויי מאָל אזוי פיל ווי יעדער אַנדערער אַרבעטער אין דער געגנט, הגם די ערד און די צאָל מענטשן איז די זעלבע. פאַר יעדן איינעם איז געווען געזיכערט שטענדיקע ארבעט, באַהאַנדלונג פון קראַנקע, זאָרג פאַר די קינדער, עסן קליידונג, א דירה און מעבל...

יונגער פויער: און וואָס איז געווען דער סוף?

ליטוואַק: צו מיין באַדויערן זייער טרויעריק. וואַנדליר האָט פאַרלוירן זיין גאַנץ געלט אין קאָרטן־שפּיל. ער איז געוואָרן פאַראָרעמט און איז אַנטלאָפן קיין אמעריקע. זיינע בעלי־חובות האָבן פארקויפט ראַהאַליין און פאַרטריבן אירע איינוווינער... די לערע פון ראַהאַליין איז אָבער נישט געגאַנגען לאיבוד. איז אויפגעהיטן געוואָרן אין דער וויסנשאַפט. און וואָס איז דער מוסר השכל? אין וואַנדליר האָט נישט געהאַט דעם כוח און די זיכערקייט פאַר אַזאַ ווערק. דערצו איז נויטיק א שטאַרקע קאָלעקטיווע פערזענלעכקייט. די דאָזיקע קאָלעקטיווע פערזענלעכקייט איז אונדזער נייע געזעלשאַפט. דאָס איז אייער גוטבאַזיצער. זי, די געזעלשאַפט, האָט פאַר אייך געשאַפן דעם באָדן און די אַרבעטס־מיטלען. יעדער איינער וואָס העלפט אונדז און באַהעפט זיך אין אונדז — אנערקענט די קאָנסטיטוציע פון אונדזער געזעלשאַפט און נעמט אויף זיך אלע פליכטן פון אונדזער דאָזיקער געמיינשאַפט — יענער האָט במילא רעכט באַלד צו געניסן פון אונדזערע פּריווילעגיעס. פאַר דעם אַלעם וואָס מיר האָבן זיינען

מיר דאנקבאַר יענע ארבעטנדיקע וואָס זיינען געווען פאר אונדז. דעריבער איז נויטיק מיר זאָלן אויך צאָלן אונדזערע חוב. דערצו איז דא איין וועג: די מאָס פון העכסטער געדולדיקייט. אונזער וואַל־לאָזונג דאַרף זיין — היינט און אויף שטענדיק: ׳מענטש, דו ביסט אונדזער ברודער!״

מענדל: אָבער דאַן וועלן פרעמדע דאַך עסן אונדזער ברויט?!

ליטוואַק: ניין, מענדל, דאָס איז א גרויסער טעות. די וואָס קומען שפעטער מאַכן אייך נישט אָרעמער, נאָר פאַרקערט: באַרייכערן אייך! דאָס רייכטום פון לאַנד זיינען אירע ארבעטער. וואָס מער אַרבעטער אויף דער וועלט, אַלץ מער ברויט איז בנימצא — ווען די סאָציאַלע אָרדענונג איז א גערעכטע. מיט אונדזערע אייגענע הענט מוזן מיר שאַפן די ווערטן פון וועלכע מיר ווילן גע־ניסן. און מיטן מערן זיך פון די דאָזיקע ווערטן, וועט אלץ גרעסער ווערן אויך דאָס פאַרמעגן און גליק פון אונדזער געזעלשאפט. מיט צוואַנציק נפשות האָט איר אָנגעהויבן צו בויען אייער ״ניי־דאָרף״, איז דאָס צו אייער רעה ווען דאָ זיינען צוגעקומען נאך 30, נאך 50, נאך 100 נפשות? זענען אָרעמער געוואָרן דורך דעם די ערשטע קאָלאָניסטן אָדער רייכער געוואָרן.

שטימען: ליטוואַק איז גערעכט, אונדזער מצב איז בעסער געוואָרן. יאָ, בעסער געוואָרן!

ליטוואַק: דעריבער דאַרפן מיר זאָגן נישט נאָר: ״מענטש, מיין ברודער ביזטו!״ נאָר אויך ״ברודער, געבענטשט איז דיין קומען״. היינט צו טאָג איז ״ניי־דאָרף״ א גרויסער גאָרטן, א ברייטער וווּנדערלעכער גאָרטן אין וועלכן עס איז גוט צו לעבן. אַלע אייערע פלאַנצונגען וועלן אָבער קיין ווערט נישט האָבן, זיי וועלן פאַרדאַרט און פאַרוויאַנעט ווערן אויב איר וועט נישט אין זיי מאַכן בליען מענטשן־ליבע, גוטוויליקייט און פרייהייט פון מיינונגען! דאָס דאַרפט איר קולטיווירן און פאַרשטאַרקן. און היות ווי איך האָף, אז אַזוי וועט זיין, רוף איך: או־רא און נאָכאַמאָל: או־רא ניי־דאָרף!

שטימען (מיט התלהבות): או־ראַ, ליטוואַק; או־ראַ, ניי־דאָרף!

פרידמאַן: נו, וואָס זאָגסטו איצט, מענדל?

מענדל: איך ווייס נישט... איך וועל טאָן אזוי ווי עס וועט הייסן ר׳ שמואל...

ר׳ שמואל (שטעלט זיך אויף גייט־צו צו ליטוואַקן, זאָגט אים מיט א ציטערדיקער שטים): זייט געבענטשט, הער ליטוואַק!

דער אַנזאָגער פון אויסלייזונג

פון א. צורף

(ספעקטאַקל צום יום העצמאות תש״ך — אין הונדערטסטן געבוירנטאָג פון וויזיאָנער פון דער יידישער מדינה — בנימין זאב הערצל)

א פּאָר אויפקלערונגען

די זאַמלונג פון מאַטעריאַל צום לייענען און זינגען, וואָס מיר ברענגען דאָ ווייטער צילט צו העלפן איינאָרדענען די פייערונג פון ״יום העצמאות״ ה׳ אייר, כ׳ תמוז — אין הערצלס געדענק־טאָג אָדער אין אַן אַנדער טערמין צו דער געלעגנהייט פון א צוזאַמענפאָר אָדער יום־טוב אין ישראל און אין די תפוצות — אַלץ אין ראַם פון די פייערלעכקייטן אין הונדערטסטן געבוירנטאָג פון וויזיאָנער פון דער יידישער מדינה. דער ספעקטאַקל קען אויפגעפירט ווערן אין א ברייטן פאַרנעם ווי למשל אויף א מאַסן־אַקאַדעמיע אָבער אויך אין א פיל ענגערער ראַם. מען קען אים אויך צופּאַסן צו דער נויטיקער צייט — צווישן 15–20 מינוט און העכער א שעה. דאָס איז אָפּהענגיק אין די מיטלען פון די רעאַליזיטאָרן. יעדנפאַלס דאַרף קלאָר זיין, אז דער געגעבענער מאַטעריאַל קען געגעבן ווערן אין זיין פולער גאַנצקייט, טייל־ווייז און מ׳קען אויך צוגעבן אַנדערע זאַכן, וואָס מיר ברענגען דאָ נישט.

דער ספעקטאַקל באַשטייט פון א מאָנטאַזש מיט זיבן בילדער, וואָס סימבאָליזירן די זיבן־רערנדיקע מנורה — דעם סימבאָל פון מדינת ישראל — און די פאָן מיט זיבן שטערן, וואָס הערצל האָט אין זיין וויזיע געזען אַלס פאָן פון דער יידישער מדינה, וואָס ווערט אַנטשטיין אין דער צוקונפט.

דער מאָנטאַזש קען אויך אויפגעפירט ווערן אין א באַגרענעצטער פאָרם אַלס אָנהייב פון א גרויסער פייערונג, וואָס באַשטייט פון רעדעס, פאָרשטעלונג, קאָנצערט אדג״ל. די פראַגמענטן וואָס זיינען צום רעציטירן פאַרלאַנגען א יסודותדיקע צוגרייטונג נישט ווייניקער ווי דאָס געזאַנג און די טענץ. פאַר דעם צוועק איז נויטיק אויסצוקלייבן פאַסיקע רעציטאַטאָרן, וואָס זאָלן אריינגעבן לעבן אין די געלייענטע שורות. די שטימען דאַרפן זיין פאַרשיידנפאַרביק ווי ווייט מעגלעך. עס איז געווינטשן וואָס מער שטימען צו באַטייליקן אין לייענען די טעקסטן — חוץ דעם לייענער פון הערצלס ציטאַטעס, וואָס דאַרף געמאַכט ווערן דורך איין שטים לענגאויס דעם גאַנצן ספעקטאַקל. אין פאַל ווען די לייענערס פון טעקסט שטייען

אויף דער בינע און ווערן געזען דורכן עולם, דאַרפֿן די ווערטער פֿון הערצלען געלייענט ווערן הינטער די קוליסן, כדי אונטערצושיידן די שטים, וואָס סימבאָליזירט די צייט, וואָס טיילט אָפּ די וויזיע פֿון דער פּאַרווירקלעכטער רעאַליטעט.

מיר וועלן דאָ אָנווייזן אויף דריי מעגלעכע אופֿנים וויאַזוי אויפֿצופֿירן דעם ספּעקטאַקל.

.1

אין אַ קליינעם זאַל פֿון אַ שולע, יוגנט־קלוב אדג״ל. אויף דער וואַנט: הערצלס בילד וואָס קוקט אַראָפּ פֿון אַ בריק־באַריערע. לאָזונג: ״אם תרצו אין זו אגדה״ (אויב איר ווילט איז עס נישט קיין לעגענדע), ״מדינת היהודים היא צורך העולם ועל כן קום תקום״ (די יידישע מדינה איז אַ וועלט־נויטווענדיקייט, דעריבער וועט זי אַנטשטיין). אין פֿראָנט פֿון זאַל, אויף אַ קליינעם פּאָדיום אָדער טיש, זאָל אַוועקגעשטעלט ווערן אַ מנורה און הינטער איר אַ העכערע בינע אָדער זיבן בענקלעך אויף וועלכע עס טרעטן־אויף די פּאָרלייענערס־רעציטאַטאָרן. ביים לייענען אַ פֿראַגמענט זאָל דער לייענער צינדן אַ ליכט אָדער פֿאַקל, וואָס ער האַלט אין האַנט אָדער שטעלט אַריין אין דער מנורה. די לידער זאָלן אויסגעפֿירט ווערן דורך אַ גרופּע, וואָס זאָל פֿאָרשטעלן מיט זיך אַ צענטער פֿון געזאַנג בצבור (די מענטשן דאַרפֿן פֿריער קענען זינגען די לידער). דאָרט ווו עס פֿעלט אַזאַ כאָר, קען דער מאָנטאַזש אויפֿגעפֿירט ווערן בלויז דורך לייענען דעם מאַטעריאַל, טייל־

ווייז אָדער אינגאַנצן, און פאַרענדיקן מיטן אויפמאַרש פון פאָן־טרעגער באַגלייט
פון א וואַך און התקווה־געזאַנג.



.2

אין א גרויסן זאַל אָדער פלאַץ (אין פאַל ווען קיין כאָר און באַלעט איז נישט בנמ־צא אָבער עס איז פאַראַן א גרויסער עולם). אין פראָנט פון זאַל אָדער פלאַץ ווערט אינסטאַלירט די מנורה (קען זיין פון רערן, אָדער אייזן) איינגעהילט אין לייוונט, וואָס איז אָנגעזאַפט מיט ברען־מאַטעריאַל, וואָס וועט געצונדן ווערן ביים שלוס פון דער פייערלעכקייט). די אָנטיילנעמער ווערן צעטיילט אין זיבן גרופעס, יעדע גרופע אין אַן אנדערער קליידונג, וואָס זאָל סימבאָליזירן אָדער אויסדריקן דעם מהות פון די באַזונדערע טיילן פון ספעקטאַקל: עליה, אַרבעט, הגנה אדג״ל. יעדע גרופע — אויף אַן אַנדער בינע הינטער דער מנורה. אויך די לייענערס ווערן אוועק־געשטעלט אויף סטאַבילע ערטער. אַ כאָר און באַלעט איז נויטיק צו קירצן דעם טעקסט ביז 20 מינוט און פאַרענדיקן מיטן צערעמאָניאַל פון אויפהייבן די פאָן און אָנצינדן די מנורה, פייער־שריפט און התקווה.

.3

די פייערונג קומט פאָר אויף אַן אַמפיטעאַטער, גרויסער פלאַץ אָדער ספאָרט־סטאַדיאָן. דער כאָר שטייט אויף א ספעציעלער טריבונע. אויף א צווייטער בינע — דער באַלעט. די אַנדערע מיטבאַטייליקטע ווערן געטיילט אין זיבן גרופעס, אויס־



געאיבטע אין לייענען און אין זשעסט־באַוועגונגען. די זיבן גרופּעס ווערן אַוועק־געשטעלט אויף זיבן פּאָדיומס, געווינטשן זיי זאָלן צוזאַמען קענען בילדן די געשטאַלט פון א מנורה (דאָס איז עפעקטיוו נאָר ווען די צושויער זיצן העכער, ווי למשל אין אַן אַמפּיטעאַטער, און האָבן א מעגלעכקייט דאָס צו מערקן). ביינאַכט איז כדאי, אז ביים פאָרמירן זיך צום שלוס פון דער פייערונג זאָלן אַלע אָנטיילנער אָנצינדן האַנט־לעמפּעלעך — די מנורה זאָל זיך באַוועגן און לויכטן די גאַנצע צייט פון התקווה־געזאַנג.

דעם ספּעקטאַקל אין אַזאַ פאָרנעם איז מעגלעך צו רעאַליזירן נאָר ווען די פיל אָנטיילנעמער געהערן צו אַן אָרגאַניזירטע ראַם — א זאַך וואָס דערמעגלעכט גע־העריקע צוגרייטונגען און רעפּעטיציעס. אויך איז מעגלעך דאָס אויסצופירן געמיינזאַם דורך עטלעכע סניפים פון יונגט־אָרגאַניזאַציעס אָדער דורך אַלע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס אין איין שטאָט. דאָס זעלבע אין די שולן: אין ראַם פון אַן אַלגעמיינער שטאָטישער פייערונג אָדער ראַיאָן־פייערונג אין דאָרף.

דאָס אַלץ זיינען בלויז אַלגעמיינע אָנווייזונגען. די רעאַליזירונג איז אבער אין גאַנצן אויף דער איניציאַטיוו, פעיקייטן און כוח־הדמיון פון די אָרגאַניזאַטאָרן גופא.

די געזאַנגען, וואָס ווערן ווייטער געבראַכט זיינען נישט איינציק. דאָרט ווו דער כאָר קען אַנדערע לידער, קענען זיי אויך איינמאָנטירט ווערן אין ספּעקטאַקל. דאָס זעלבע איז נוגע דעם געלייענטן מאַטעריאַל. די טענץ און זשעסטעקולאַציע־טיילן דאַרפן צוגעגרייט ווערן דורך א מומחה, וואָס זאָל זיי וויסן ווי געהעריק אריינצו־פלעכטן אין דער גאַנצקייט און נישט אַלס זעלבשטענדיקע אויפפירונג.

בילד איינס — רוף צו אויסלייזונג

אַנאָנסער: י׳ אייר תש״ך איז געוואָרן הונדערט יאָר זינט דעם געבוירן פון בנימין זאב הערצל. לאָמיר עפענען אונדזער יום־טוב, דעם 13טן גרינדונגס־טאָג פון מדינת ישראל, מיט באַערן די אומשטערבלעכע געשטאַלט פון דעם וויזיאָנער פון דער יידישער מדינה, וואָס האָט אויפגעהויבן די פאָן פון שיבת ציון, געוויזן דעם וועג און געוועקט דעם גייסט, ביז מדינת ישראל איז אַנטשטאַנען!

כאָר:

הללויה, הללו אל בקדשו.
קומו ונעלה ציון —
אל ד׳ אלוהנו.

(לויבט גאָט, לויבט גאָט אין זיין הייליקייט.
קומט לאָמיר אויפגיין קיין ציון —
צו גאָט, אונדזער גאָט).

(ווערטער: תהילים, מעלאָדיע: ע. פוגאַטשאָוו,
נאָטן: זמרון, הוצ׳ הקיבוץ המאוחד)

רוף (גרופע באַטייליקטע גייט אַרויף אויף דער בינע 1; סאָלאָ אָדער כאָר):

און ער האָט צו מיר געזאָגט:
מענטשקינד, די דאָזיקע ביינער, זיי זיינען
דאָס גאַנצע הויז פון ישראל;
זע, זיי זאָגן:
פאַרטריקנט זיינען אונדזערע ביינער,
און פאַרלוירן איז אונדזער האָפענונג;
פאַרשניטן זיינען מיר.
דערום זאָג נביאות, און זאָלסט זאָגן צו זיי...
...און איך וועל אריינגעבן מיין גייסט אין אייך,
און איר וועט לעבעדיק ווערן;
און איך וועל אייך באַרועען אויף אייער ערד...

(יחזקאל, ל״ז)

הערצל: דעם דאָזיקן חלום האָבן מיר געחלומט אין משך פון דער לאַנגער נאַכט פון אונדזער גלות. איצט שיינט אויף דער מאָרגנשטערן. איך בין נישט קיין נביא און נישט קיין וויזיאָנער. איך קולטיוויר אָבער אין מיין האַרץ די האָפענונג און דעם גלויבן, אַז אין איינעם אַ טאָג וועט דאָס יידישע פאָלק אַרומגענומען ווערן מיט אַ וווּנדערלעך התלהבותדיקן ברען. ווען איך האָב געשריבן מיין ״יידנשטאַט״ האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך הער אַ מין פליגל-געפאָך איבער מיין קאָפּ...א יידישע מדינה איז א וועלט-נויטווענדיקייט און דעריבער וועט זי אַנטשטיין!

כאָר:

עמדו אחים, הסו רגע
אל כל שיג, כל שיח!
אם לא נשמע ממרחקים
פעמי המשיח?

אם לא נשמע ממרחקים
שאון כנפים נעים?
כנפי צבאות שרפי ישע
אחריו נועים, באים.

שטייט ברידער, שווייגט א רגע — רעדט קיין וואָרט. הערן זיך נישט פון מרחקים די טריט פון משיח? הערט זיך נישט פונדערווייטנס א געדרודער פון זיך באַוועגנדיקע פליגל? פליגל פון הילפס־טראַגנדיקע חיילות פאָרן אָן, קומען נאָך אים.

(ווערטער: י. כהן. מעלאָדיע: בן־יהודה. נאָטן: זמרון, אַרויסגעגעבן דורך המחלקה לחינוך ותרבות בגולה)

(בעתן געזאַנג פון כאָר צינדט זיך אָן פאַקל 1).
(אין פאַל ווען קיין כאָר אָדער געזאַנג איז נישטאָ, ווערט אויף דעם אָרט אָדער אין צוגאָב געלייענט דער ווייטערדיקער פראַגמענט:)

לייענער: ווי א לעגענדע איז געווען דאָס לעבן פון דעם מענטש. א מאַמע וועט איר קינד דערציילן בין השמשות און דור וועט איבערגעגעבן צו דור. א גוטער מלאך איז געשטאַנען ביי זיין וויגל, און אַלע פיזישע און גייסטיקע מתנות, וואָס איז געגעבן געוואָרן טויזנטער מענטשן צוזאַמען, איז געגעבן געוואָרן דעם דאָזיקן מענטש: צויבער־אויגן און פראַכט־געשטאַלט, לאָגיק און גבורה פון ריזן, די פעיקייט פון טרוימען און די מעכטיקע שטרעבונג צו גרויסע מעשים, די פעיקייט צו הערן און אָנטשיידן, — אַלע פיזישע און גייסטיקע גאָבן. און דעם טויט איז אים געגעבן געוואָרן א פלוצימדיקער, כדי אים איינצוהילן אין צויבער פון לעגענדע.

(באַלעט פירט אויס צום שלוס פון דעם בילד א קורצן פראַגמענט וואָס סימבאָליזירט דערוואַכונג צו בונט קעגן פאַרשקלאַפונג).

בילד צוויי — עליה

הערצל: פאַראייניקט אייך בחורים! מיר דאַרפן אייך, מיר וואַרטן אויף אייך! איבט אייער גייסט און מוסקולן, שטאַרקע און שטאָלצע דאַרפט איר זיין! אַלע יוגנטלעכע וועלן אוועקוואַרפן הינטער זיך די צווייפלהאַפטע אידעען און קומען צו מיר, און אין לאַנד אַריין וועלן זיי גייען, אַז איך וועל זיי צו דעם גאַרנישט דאַרפן רופן. צו זיי געהערט דאָך דאָס לאַנד!

קעגנער־שטים: גייט נישט מיט הערצלען און רופט נישט אַרויס קיין שנאה צו יידן!

אָנהענגער־שטים: מיר זיינען פאַרהאַסט נאָר ווייל מיר זיינען צעשפרייט צווישן פעלקער.

קעגנער־שטים: אָבער דאָ איז אונדז גוט. דאָ איז אונדז באַקוועם. צוליב וואָס

זאָלט איר דאָס אַלץ פאַרלאָזן און אַוועק אין א וויסט לאַנד אין וועלכן עס שיקט אייך דער דאָזיקער וויזיאָנער?

רעדנדיקער כאָר (קאָלעקטיווע דעקלאַמאַציע):

דער לעצטער דור פון פאַרשקלאַפונג און ערשטער דור פון אויסלייזונג זיינען מיר!

אונדזער האַנט אַליין, אונדזער שטאַרקע האַנט, האָט די שווערקייט פון עול פון אונדזער שטאָלצן האַלדז אַראָפּגעריסן.

אלע:

אָ, צעשפליטערטע כוחות, פאַראייניקט אייך
אַרבעט אַקסל ביי אַקסל מיט קראַפט און מוט!

סאָלאָ:

אָט זיינען מיר עולה־געווען!
הערט! אויך דער שטורעם רופט אונדז: זענט איר דאָ?

אַלע: מיר זיינען דאָ, מיר זיינען עולה.

(דער באַלעט פירט אויס א טאַנץ וואָס סימבאָליזירט עליה און ווערט באַגלייט מיט געזאַנג פון כאָר און עולם אָדער מיט סאָלאָ־געזאַנג).

געזאַנג 1:

אל ראש ההר, אל ראש ההר
הדרך מי יחסם לפדויי שבי?
מעבר הר הן זה מכבר
רומזת לנו ארץ צבי:
העפילו, העפילו,
אל ראש ההר העפילו!

צום שפיץ־בארג, צום באַרג־שפיץ, ווער וועט פאַרשטעלן דעם וועג פאַר אויסגעלייזטע פון געפאַנגענשאַפט? פון יענער זייט באַרג ווינקט צו אונדז שוין פון לאַנג דאָס לאנד: קלעטערט אויף, קלעטערט אויף, צום שפיץ באַרג דערגרייכט!

(ווערטער לוין־קיפּניס, מוזיק — קראַטשעווסקי,
נאָטן: זמרון, פאַרלאַג קיבוץ מאוחד)

ג ע ז אַ נ ג 2:

אל על באיל! אל על מעפילים!
שמוע שמעתי קולות מההרים,
מדוע אל על נשמו שבילים?
ינוו בנו רק הרוחות הסוערים...
עורו, עורו! קומו, קומו! רומו!
מעלה, מעלה! הרה הרה!
למה עוד לא באו?
אל פסגות הרי גליל!
מה יתמהמהו?
למה עמדו מלכת?

רק יללת הסערה בוקעת,
רק שממה, רק להט,
ולשדנו יטללנו שמש אש לוחכת.
אל תיראו, אל תפגרו!
כל עוד לא יבש הטל
מהרו פן תאחרו...
עוד היום — אל על! אל על!
עורו, עורו! קומו, קומו! רומו!
מעלה, מעלה! הרה, הרה!
אל פסגות הרי גליל!

אינדערהויך מיט כוח! אין דער הויך, איר באַרג־קלעטערער! געהערט האָב איך קולות פון די בערג, פאַרוואָס אין דער הויך זיינען שטעזשקעס פאַרוויסט געוואָרן? בלויז שטורעמדיקע ווינטן טוען דאָרט הערשן... דערוואַכט, דערוואַכט! קומט, אַרויף־אַרויף, צום באַרג. פאַרוואָס זיינען זיי נאָכנישט געקומען צו די שפּיצן פון די גליל־בערג? וואָס זוימען זיי זיך? וואָס האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט פון מאַרש־אַרויף? בלויז די יללה פון שטורעם רייסט זיך דורך, בלויז וויסטעניש, בלויז ברען... האָט קיין פחד, זייט נישט הינטערשטעליק. כל־זמן דער טוי האָט נישט פאַרטריקנט, אַיילט זיך ווייל איר קענט פאַרשפּעטיקן. נאָך הייגט — צו די הויכענישן! דערוואַכט, דערוואַכט, אַרויף צום באַרג, צו די שפּיצן פון גליל!

(פאַקל 2 ווערט אָנגעצונדן).

בילד דריי — אַרבעט

ה ע ר צ ל: דאָס לאַנד פון אונדזערע אבות איז הייגט פאַראַן אין דער ווירקלעכקייט. פאַראַן יידישע מענטשן וואָס לעבן אויף זיין ערד און פרייען זיך מיט זייער אַרבעט. די אַלט־נייע ערד גיט איבער איר פּאָטענציעלער יונגקייט אין פלייסיקע הענט. מיט דער פּאָן פון אַרבעט וועלן יידן צוריקקערן אין אויסדערוויילטן לאַנד אַריין, נאָר אַרבעט וועט געבן אונדזער פאָלק אין דער צוקונפט ברויט, כבוד און פרייהייט...

ק ע נ ע ר ־ ש ט י ם: נאַרישקייטן! א פאַנטאַזיאָר איז דער מענטש! — די הענט וועלן אייך ווײ־טאָן, דער רוקן וועט זיך ברעכן, דאָס לאַנד איז הייס. א לאַנד וואָס פאַרדאַרבט אירע איינוווינער. און אויב איר וועט ארויס צו אַרבעט צו וועלכער איר זענט נישט געווינט — וועט איר צומאָרגנס פאַלן. נישטאָ קיין באַלוינונג פאַר אייער אומזיסטער מי!

דעקלאַמאַציע (סאָלאָ אָדער כאָר):

נעמט אָן זיך מיט מוט, שעפּט אָן זיך מיט מוט!
אין וועלדער געשיכטע, אין פעלדזיקע שפּאַלטן
דאָרט האָט זיך דאָס הייפל מאַקאַבייער באַהאַלטן:
דאָס קלינגען פון שווערדן און תהילים־געזאַנגען
געוועקט האָבן וועלדער און פעלדזן מיט קלאַנגען;
אין פינצטערע וועלדער און היילן פאַרלאָרן —
איז צייטיק די גרויסע ישועה געוואָרן.
...צוהילף קומט דעם פאָלק, צוהילף קומט דעם פאָלק!
מיט וואָס? — צו וואָס פרעגן — מיט וואָס נאָר מיר קענען!
מיט וועמען? — נישט קלייבט — ווער עס וויל מיט אונדז בלייבן!
דעם יעניקן וועמען דאָס אומגליק טוט ברענען
נעמט צו אין דער מחנה — נישט טוט אים פאַרטרייבן!
ס'איז ליב יעדע גאָב, טייער — יעדע מתנה,
מען קלייבט נישט אין א צייט פון סכנה!
דאָס לעצט ביסל גוטס, פונק פון האָפענונג און גלויבן
וואָס גאָט האָט אין האַרצן נאָך איבערגעלאָזן —
נעמט, זאַמלט צענויף, טוט דעם פייער צעבלאָזן
און טראָגט אין קאַמף אַרויס הויך און דערהויבן!
...אין טיפקייט פון פאָלק, אין דער טיף פון נשמה
דאָרט לויכט נאָך זיין שכינה און שטראַלט מיט נחמה!
הוי, נעמט צו דער אַרבעט זיך לעבעדיק, מונטער —
קומט, קייקלט די פינצטערע בערגער אַרונטער!
גראָבט אויס פון דער טיפקייט דאָס ליכט און דאָס פייער —
איר, קינדער פון די מאַקאַבייער!
דאָס פאָלק זאָל איצט ווערן נאָך אויפגעריכט ווידער!
דאָס ליכט אַנטפּלעקט, ברידער!

(ח. נ. ביאַליק — "נעמט אָן זיך מיט מוט")

כאַר־געזאַנגען:

געזאַנג 1:

בהרים כבר השמש מלהטת,
ובעמק עוד נוצץ הטל.
אנו אוהבים אותך מולדת,
בשמחה, בשיר ובעמל.
המדבר — אנו דרך בו נחצובה,
הבצות — אנחנו ניבשן.

מה ניתן לך עוד להוד ושובע?
מה עוד לא נתנו־ונתן?
אם קשה היא הדרך ובוגדת,
אם גם לא אחד יפול חלל —
עד עולם נואהב אותך, מולדת,
אנו לך בקרב ובעמל!

אין די בערג ברענט שוין די זון, און אין טאָל גלאַנצט דער טוי. מיר ליבן דיך היימלאַנד מיט פרייד, געזאַנג און מי. דער מדבר — א וועג וועלן מיר אין אים אויסהאַקן, די זומפּן — מיר וועלן זיי אויסטריקענען. וואָס נאָך זאָלן מיר דיר געבן צו שיינקייט און זעט? וואָס נאָך האָבן מיר דיך צו געבן? אויב שווער און פאַרעטעריש איז דער וועג. הגם נישט איינער וועט פאַלן — אויף אייביק וועלן מיר דיך ליבן, היימלאַנד, אין דער שלאַכט און אין דער מי.

(נתן אַלטערמאַן.. מעלאָדיע: סאַמבורסקי, נאָטן: זמרון)

געזאַנג 2:

על הסלע הך,
שיר הפלא לך!
מן הסלע
שיר הפלא
אמן סלה —
צנח!
חושה חוש,
המכוש
ועקור מסלע גוש!

חושה חיש
הפטיש
ונפץ חצץ לכביש!
במפצת ינפץ,
במקבת ינתץ!
הך והך, עד יתלקח
למנצח
שיר חצץ.

אויפן פעלדז האק, דאָס וואונדער־ליד פאַר דיר! פון דעם פעלדז דאָס ליד פון וואונדער לאָז־אַראָפּ! אייל דעם האַמער און רייס אַרויס דעם פעלדז... צעשפּאַלט שראָט פאַרן שאָסיי. קלאַפּ און קלאַפּ ביז וואַנען פאַרן זיגער־זיגער וועט זיך פונאַנערפלאַקערן א ליד פון שראָט.

(א. שלאָנסקי, מוזיק: זעירא, נאָטן: זמרון)

(דער פּאַקל 3 ווערט אָנגעצונדן)

בילד פיר — התיישבות

הערצל: אויב מען וועט מיך פרעגן, וואָס וועלן מיר מאַכן מיט די זידלער ביים אָנהייב פון זייער קומען — מיר וועלן זיי איינוואָרצלען אין באָדן כדי זיי זאָלן לעבן אויף זייער ערד און פון די פרוכטן פון דער ערד. פאַר די דאָזיקע ווערק זיינען מיר ביכולת צוזושטעלן א גאַנץ פאָלק, א פאָלק וואָס האָט אָפּגעהיט זיין אַלטער ליבשאַפט צו דער דאָזיקער פאַרלאָזטער ערד ווי צו א קראַנקען קרוב. קיינער חוץ דאָס יידישע פאָלק, וועט זיין גרייט אָדער קענען ברענגען אַזעלכע קרבנות פאַר דער אויפלעבונג פון דאָזיקן לאַנד.

קעגנער־שטים: ווער איז גרייט צו ברענגען קרבנות? — אונדזער לעבן איז קורץ — לאָמיר עס נישט פאַרטאַכלעווען. דאָס פאָלק וועט דיך נישט פאָלגן; זיינע זין זיינען דאָקטוירים, סוחרים און אינזשיניערן. זיי ווילן נישט זיין קיין ערד־אַרבעטער.

סאָלאָ:

פאַרוואָר, גראָז איז דאָס פאָלק, אויסגעטריקנט פון זאַפט,
ס׳איז געפאַלן דאָס פאָלק און געזונקען אָן קראַפט.
אַז עס דונערט גאָטס קול אַרום, וועקט אין זיין מאַכט,
און עס האָט דאָך דאָס פאָלק פון זיין שלאָף נישט דערוואַכט.
נישט געטאָן זיך א שטעל און א בריל ווי א לייב,
נישט געטאָן זיך מיט מוט און מיט קרעפטן א הייב.
...וועט נישט אויפכאַפּן זיך, סיידן ס׳בייטשט אים די רוט,
וועט נישט אויפשטעלן זיך, סיידן ס׳גיסט זיך זיין בלוט.
פוילע בלעטער פון בוים, גראָז צעטריקנט און גרוי,
א צעקראָכן געוויקס — קען זיי אויפלעבן טוי?
און אַז ס׳פלאַטערט די פאָן, און עס רופט דער טראָמפּייט —
קען דען רירן זיך יענער וואָס איז שוין לאַנג טויט?

(״אכן חציר העם״ — ח. נ. ביאליק)

סאָלאָ:

איך האָב געזאָגט איין וואָרט — האָט דאָס
דער ווינט פאַרטראָגן מיט איין בלאָז;
נאָך איינס האָב איך געזאָגט — איז דאָס
געפאַלן, ווי א פונק, אויף גראָז —

נאָר טריקן איז געווען דאָס גראָז
און אויסגעברענט האָט דאָס מיט רעש
און ס׳איז דערפֿון געוואָרן אַש.
("דאָס לעצטע וואָרט" — ח. נ. ביאליק)

סאַלאַ:

לב אדירים, לב האריה,
יד; מי יאמר לו: חדל?
ופי שבעה יגבר מנו
לב רוכבהו, לב איל.

אז א האַרץ פון ריזן, האַרץ פון אַ לייב שלאָגט, ווער וועט זאָגן: הער אויף? און זיבנפאַכיק פון אים וועט זיך שטאַרקן דאָס האַרץ פון זיין רייטער, א האַרץ פון קראַפט.
("ביתרה" — ש. טשערניכאָווסקי)

פסוקים צום רעציטירן אָדער זינגען:

(1) און איך וועל אומקערן די געפאַנגענשאַפט פון מיין פאָלק ישראל,
און זיי וועלן אָפבויען פאַרוויסטע שטעט און זיך באַזעצן,
און פלאַנצן וויינגערטנער און טרינקען זייער וויין,
און מאַכן גערטנער און עסן זייער פרוכט.
און איך וועל זיי איינפלאַנצן אויף זייער ערד,
און זיי וועלן מער נישט אויסגעריסן ווערן
פון דער ערד וואָס איך האָב זיי געגעבן...
(עמוס, ט׳)

(2) איך וועל עפענען שטראָמען אויף הויכע ערטער,
און קוואַלן אין מיטן פון טאָלן;
איך וועל מאַכן דעם מדבר פאַר א געמויזעכץ וואַסער,
און טרוקן לאַנד פאַר אויסגאַנגען וואַסער.
איך וועל געבן אין מדבר צעדער,
אַקאַציע, און מירט, און איילבוים.
(ישעיה, מ״ט)

(3) בשוב ד׳...

דער באַלעט פירט אויף א שניטער־טאַנץ באַגלייט מיט געזאַנג. אַנשטאָט דעם באַלעט קען דאָ אויך געזונגען ווערן דורך כאָר אָדער סאָלאָ די ווייטערדיקע לידער).

כי תבואו אל הארץ
ונטעתם כל עץ תחילה.
ונתן העץ פריו
והארץ יבולה.
וישבתם איש תחת גפנו

ותחת תאנתו,
והייתם כעץ שתול
על פלגי מים.
עת לנטוע אילנות,
עת לנטוע ולבנות.

אַז איר וועט קומען אין לאַנד אַריין, זאָלט איר צוערשט פלאַנצן ביימער. דער בוים וועט געבן זיין פרוכט און דאָס לאַנד איר גערעטעניש. און איר וועט זיצן יעדער אונטער זיין ווייגשטאָק און יעדער אונטער זיין פייגנבוים, און איר וועט זיין ווי האָלץ וואָס שווימט איבער וואַסער־פלוסן. צייט צו פלאַנצן ביימער, צייט צו פלאַנצן און צו בויען.

(מעלאָדיע : מ. רבינא, נאָטן : זמרון)

דרך פנו ! הנה באנו,
קול המון חוגג כלנו.
חג היום לפרי הארץ,
גן וכרם ושדות.
מלא הסל הלום הבאנו,
מלא הטנא בכורים.

סל־וטנא — פרי הארץ,
נעטרם כבוד.
זה סלנו ונבוהו
זה טנאנו ונעטרהו.
זה סלנו, זה טנאנו —
בכורי שדה.

מאַכט א וואַרע, אָט קומען מיר. א קול פון שאַלנדיקן המון זיינען מיר אַלע. א יום־טוב איז היינט פאַר דער פרוכט פון לאַנד, פון גאָרטן, וויינגאָרטן און פעלד. פולע קוישן האָבן מיר דאָ געבראַכט, פול מיט ערשטצייטיקע פרוכט. אונדזער קויש וועלן מיר באשיינען, באַקרוינען — מיט ביכורים פון אונדזער פעלד. (א. שלאָנסקי, מוזיק : ע. עמירן, נאָטן : זמרון)

ביהודה ובגליל
כרמים משגשגים
וברחבי יזרעאל
שדות משתרעים.

ישראל הזורעים
ישראל הקוצרים !

זורעים הם,
קוצרים הם,

ושיר על כל שפתים.
זו שירה חדשה
לך ירושלים.

אין יהודה און אין גליל בליען וויינגערטנער. יידן זיינען די זייער, יידן זיינען די שניטער. און אין די ברייטקייטן פון יזרעאל ציען זיך פעלדער און א ליד איז אויף יעדענס ליפּן. דאָס איז דאָס נייע געזאַנג פאַר דיר, ירושלים. (ווערטער און מעלאָדיע: מ. שלם, נאָטן: זמרון)

שירו שירו שיר תודה
לברכת העבודה!

שוב ירדנו אל העין
לשאוב מים בששון,
כי הניבו שדותינו
ובורכו עשתרות הצאן.

יעלה נא רנוננו
תעלה תפלת רצון,
כי ישובו מכנף ארץ
כל אחינו בהמון.

זינגט א דאַנק־ליד פאַר דער ברכה פון אַרבעט! ווידער זיינען מיר אַראָפּ צום קוואַל שעפּן וואסער מיט פרייד, ווייל אונדזערע פעלדער האָבן געגעבן פרוכט און געבענטשט זיינען אונדזערע בעסטע שאָף. זאָל אויפגיין אונדזער געזאַנג, די תפילה פון ווילן, אַז צוריקקומען פון אלע עקן זאָלן אלע אונדזערע ברידער, מאַסנווייז. (זרובבל, מוזיק י. זהבי, נאָטן: זמרון)

(פאַקל 4 צינדט זיך אָן ביים געזאַנג און טאַנץ)

בילד פינף — הגנה — פאַרטיידיקונגס־קריג

הערצל: נאָר א דרוק וועט אונדז צוריקקערן צו אונדזער אַלטן אָפּשטאַם־קוואַל, אין אַן עת־צרה ווערן מיר איין גוף, און דעמאָלט דערפילן מיר מיטאַמאָל אונדזער כוח. יעדער וואָס גלייבט אַז יידן־רדיפות זיינען בלויז א פאַרביי־גייענדיקע דערשיינונג, מאַכט א גרויסן טעות. צוליב טיפע מאָטיוון איז נויטיק דער מצב זאָל ווערן אַלץ ערגער און ערגער ביז עס וועט קומען די איבער־קערעניש...

...מיר דאַרפן דערגייען ביז צום אָפּגרונט, זיין דערנידעריקט, דערשלאָגן, באַרויבט און געטויט — ביז מיר וועלן פעיק זיין צו דער שטרעבונג.

שווערע מלחמות וועלן מיר מוזן פירן מיט פרעה ביז וואַנען ער וועט זיך באַראָטן, מיט שונאים און מיט זיך, עגל הזהב!

איך וויל אַזאַ קאָלאָניזאַציע וועלכע מיר זאָלן קענען פאַרטיידיקן מיט אונדזער יידישער אַרמיי.

ווי גרויס איז די פראַכט וואָס דערוואַרט די, וואָס וועלן קעמפן מיט מסירת נפש פאַרן געדאַנק, א ווונדערלעכער דור פון יידן וועט דעמאָלט אויפשטיין צום לעבן.

די מכבים וועלן אויפשטיין תחית המתים!...

ס אָ ל אָ (וויטיק, שפּאָט):

...אַרויס קריך, מענטש, קום וויטער, כ׳וועל דיר ווייזן,
באַהעלטענישן — שטאַלן פון חזירים,
און זע מיט דיינע אויגן אַלע מיסטן,
ווו דיינע ברידער, חשמונאים יורשים,
די אייניקלעך פון אייביקע קדושים,
אין יעדער לאָך צו דריי מנינים האָבן
אין יענעם שחיטה־טאָג זיך אויסבאַהאַלטן
און גרויס געמאַכט צווישן מיסט מיין נאָמען...
אַנטלאָפן, ווי די מייז, באַהאַלטן זיך, ווי וואַנצן,
און, ווי הינט, געשטאָרבן...

(פון "שחיטה־שטאָט" — ח. נ. ביאליק)

ל י י ע נ ע ן:

הבא ברכה לנערים — כי באה עת;
ראה אותם שותקים ונכונים — ועיניהם דולקות;
רוח בצמרות, הארן מרטט —
ראה: יורד הערב.
קרב יהי הליל, והמה מעטים מאד.
ברכם אלי, ברך יוצאי למלחמה,
ברך נשקם לבל יחטיא... ברך ביתם.
ברך את זה העם, את נעריו ולוחמיו,
עד קרב יתם.

ברענג ברכה פאר די יינגלעך — ווייל די צייט איז געקומען. זע, זיי שווייגען און זיינען גרייט — און די אויגן ברענען; זע: אָוונט פאַלט צו, א ווינט צווישן די ביימער־קרוינען, די סאָסנע ציטערט — א שלאַכט וועט זיין די נאכט, און זיי זיינען אַזוי ווייניק. בענטש זיי, מיין גאָט; בענטש די אַרויסגייער צו מלחמה, בענטש זייער געווער זאָל נישט פארזינדיקן דעם ציל... בענטש זייער היים. בענטש דאָס דאָזיקע פאָלק, זיינע יינגלעך און קעמפער, ביז די שלאַכט וועט א סוף נעמען. (ח. גורי)

אנחנו לשלום ואתם לחרב,
אנחנו המעטים ואתם עם רב —
הו, דעו לכם זדים, עוד כח אתנו
לעמוד על נפשנו וחצינו נאמנו.
צדקנו — עזנו, ולא נזוז מזה עד עולם!

מיר ווילן שלום און איר — די שווערד. מיר — די ווייניקע, איר — אַן עם־רב, — אָ, זייט וויסן, איר רשעים, מיר האָבן נאָך כוח צו היטן אונדזערע לעבענס און אונדזערע פיילן זיינען טריי. אונדזער גערעכטיקייט — איז אונדזער כוח, און פון דאנען וועלן מיר קיינמאָל נישט אַוועק!
(י. כהן)

והיה אם מצרים תצעיד חיליה,
ותריע עמון... זאת נדע: מהיום
המדינה החיה תלחם על חייה...
וברוך שהביא את עמו עד הלום.

...און אויב מצרים וועט אויפמאַרשירן אירע זעלנער, און עמון וועט שאלן מיט קריג... דאָס וויסן מיר: פון היינט אָן וועט די לעבעדיקע מדינה קעמפן פאר איר לעבן... און געלויבט איז דער, וואָס האָט זיין פאלק געברענגט אזוי ווייט... (נ. אלטערמאן)

(דער באַלעט אָדער די גרופּעס אָנטיילנעמער פירן אויס א באַוועגונג אָדער טאַנץ, וואָס סימבאָליזירט די פאַרוואַנדלונג פון הגנה־אָפּטיילונגען אין אַן אַרמיי. דאָס ווערט באַגלייט מיט געזאַנג אָדער מאַרשן ווי: "שיר הפלמח", "זמר הפלוגות", "כתתנו בלילה צועדת" א. א. געווינטשן די גרופּעס אָנטיילנעמער זאָלן אינעם טאַנץ די אַנטשטייונג פון צה"ל אילוסטרירן מיט געשטאַלטן פון די פאַרשיידענע מיליטערישע פאָרמאַציעס — ים, יבשה און לופט־אַרמיי). (דער פינפטער פאַקל צינדט זיך אָן).

זעקסט בילד — אויפקום פון מדינת ישראל

הערצל: אויב איך זאָל מאַכן א סך־הכל פון באַזעלער קאָנגרעס אין איין זאַג, איז דאָס: אין באַזעל האָב איך געגרינדעט די יידישע מדינה. ווען איך וואָלט דאָס היינט געזאָגט עפנטלעך, וואָלט דער ענטפער געווען געלעכטער. אין פינף יאָר אַרום וועלן דאָס אַלע אַנערקענען.
אויב דער איצטיקער דור איז נאָך נישט גרייט, וועט קומען אַן אַנדערער דור, א העכערער און בעסערער פון אים.

מעגלעך, אַז דאָס וועט געשען מחוץ דער גרעניץ פון מיין לעבן. אפילו דאַן, וועט דאָס נישט זיין קיין לעבן, וואָס איז אַדורך אָן נוצן.

קול: וואַנזיניקער — האָט מען אים גערופן. דיינע יידן וועלן נישט צוריקקומען אין זייער לאַנד אַריין און נישט באַנייען זייער שטאַט. דער גלות ליגט זיי אין בלוט!

לייענער: ...נאָך דעם ווי דאָס פאָלק איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין לאַנד מיט קראַפט, האָט עס געהיטן טריישאַפט אין אַלע לענדער פון זיין צעשפרייטונג און נישט אויפגעהערט זיין תפילה און האָפענונג צוריקצוקערן אין זיין לאַנד און באַנייען אין אים זיין פאָליטישע האָפענונג. דורך דעם דאָזיקן היסטאָרישן און טראַדיציאָנעלן קשר, האָבן יידן אין יעדן דור געשטרעבט צוריקצוקומען און באַזעצן זיך אין זייער אור־אַלטן היימלאַנד, און אין די לעצטע דורות זיינען זיי אין זייער היימלאַנד צוריקגעקומען מאַסנוויז, און די חלוצים, מעפּילים און פאַרטיידיקער האָבן אויפגעלעבט וויסטענישן, אויפגעלעבט די העברעישע שפּראַך, געבויט דערפער און שטעט...דעריבער האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט, מיר די מיטגלידער פון פאָלקסראַט, פאַרשטייער פון יידישן ישוב און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און מיט דער קראַפט פון אונדזער נאַטירלעכער און היסטאָרישער רעכט, און אויפן יסוד פון באַשלוס פון דער גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון די פאַראייניקטע נאַציעס פּראָקלאַמירן מיר די עטאַבלירונג פון א יידישער מדינה אין ארץ־ישראל — מדינת ישראל.

(אַלע אַנטיילנעמער רופן אויס: די יידישע מדינה איז אַנטשטאַנען!).

(דער זעקסטער פאַקל צינדט זיך אָן).

זיבעטע בילד — די פאָן פון ישראל

הערצל: וואָס איז א פאָן? א שטעקן מיט לייוונט? א פאָן איז מער, מיט א פאָן פירט מען מענטשן אומעטום. פאַר דער פאָן לעבן זיי און פאַר דער פאָן שטאַרבן זיי. מיר האָבן נישט, אָבער מיר דאַרפן א פאָן. אויב מיר ווילן פירן א סך מענטשן דאַרפן מיר אויפהייבן א סימבאָל איבער זייערע קעפּ — מיר וועלן אויפוויקלען די נייע פאָן פון יידנטום.

לייענער:

(1)

בלוי און ווייס

די פאָן פון ישראל
הייבט אויף זיך פאַמעלעך
בלוי און ווייס,
און דער פאַנצער פון דוד המלך.

דאָס בלוי איז פון ים־סוף,
וואָס גאָט האָט געשפּאָלטן,
געלערנט אונדז גיין איבער גרונטן
פון ים.
געלערנט אונדז שפּאַלטן די צאַמען
פון וועלטן,
געלערנט אונדז היטן זיין נאָמען
און שטאַם.

דאָס ווייס איז דער אָפּשיין,
דאָס ליכט פון נבואה, —
געלערנט אונדז שטאַרבן אויף שייטער
און פלאַם,
געלערנט אונדז הייבן דעם לייטער
צום הימל.
געלערנט אונדז היטן גאָטס נאָמען
און שטאַם.

דער פאַנצער פון דוד —
זעקסקאַנטיקער צאָרן,
געברענט אין די געטאָס,
און גאַנץ — ווי דער דאָרן.

קאָדיע מאָלאָדאָווסקי

(2) שהחיינו... אַז ס׳איז באַשערט אונדז וואָס מיר האָבן אַלע דאָ די צייט דערלעבט.
דאָס אַלץ וואָס יעדער נביא און יעדער זעער האָט געשטרעבט.
אַז כ׳טרוים נישט סתם אַזוי און אַז איך פאַנטאַזיר נישט אויף א האָר —
אַז ס׳איז די זעאונג אויפן וואָר.

אַז כ׳האָב באַשיימפּערלעך געזען ווי ס׳פאַלט אין יזרעאל דער זאָט
דורך הייפלעך אומבאַוווסטע, הונגעריק, אויף אייגענעם באַראָט,
און אָט האָט זיך דערהויבן זייער גאַרב און זייער טייל —
אַזש אין א מדינת ישראל!

(ש. שלום — יידיש : מ. יאָפע)

(3) — — — דאַן וועלן צוזאַמען
א ייִנגל און א מיידל
פּאַמעלעך אַרויסגיין דער אומה אַנטקעגן.

מיט שווערן טראָט, פון מלחמה נאָך באַלאַסטעט,
מיטן שטעג וועלן זיי קומען,
שטיל און פאַרטראַכט.
נישט געטוישט דעם בגד, נישט פאַרווישט נאָך אין וואַסער
די שפּורן פון שטורמישן טאָג און בראַנדיקער נאַכט.

באַשיינט מיט יונג־יידישן פרישן טוי,
נאָר מיד און פאַרמאַטערט, פון רו נאָך גאָרנישט געגאָסן —
שטיל קומען אַן די צווייִ,
און בלייבן שטיין אַזוי,
און מען ווייסט נישט, צי זיי לעבן צי זיינען דערשאָסן.

דאַן וועט די אומה דערשפּירן פון צויבער דעם שאַץ,
און פרעגן : ווער זענט איר ? וועלן מיט רואיקער מינע
ענטפערן זיי : מיר זענען די זילבערנע טאַץ
וואָס אויף איר האָסט באַקומען די יידישע מדינה.

(נתן אַלטערמאַן — יידיש ד. ב. מאלקין)

אַנאָנסער: די פאָן וואָס הערצל האָט אויפגעהויבן אויפן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס פלאַטערט איבער מדינת ישראל און אין אַלע עקן וועלט. פאַר די אויגן פון אונדזערע ברידער אין די תפוצות און פאַר די אויגן פון אַלע פעלקער אויף דער וועלט, הייבן מיר אויף אונדזער פאָן אַלס א צייכן און באַוויז, אַז מיר וועלן פאַרטיידיקן די דאָזיקע פאָן, וואָס וועט אויף אייביק פלאַטערן אַלס פאָן פון ישראל — פון דער יידישער מדינה.

(פויקן־געשאַל און טראָמפייט באַגלייט דאָס ארויפציען די פאָן, און עס ווערט אָנגעצונדן דער זיבעטער פאָקל. אַלע אָנטיילנעמער און צושויער זינגען התקווה).

הערצל אין פאריז

איינאַקטער, פראגמענט פון א דראַמע, פון מאַרטאַ האָפמאַן

אין די קולואַרן פון בורבאָן־פּאַלאַץ (פראַנצויזישער פּאַרלאַמענט). הינטער דער בינע — הויכע פראַנצויזישע וויטראַזשן און פּייזאַזש פון די סענאַ־ברעגעס מיטן טיולעריפּאַלאַץ. צווישן די פענצטער — דענקמאַל פון מיראַבאָ. פון דער גאַס הערט זיך א טומל פון קולות, וואָס ווערן וואַסאַמאָל שטאַרקער. לסוף הערן זיך דייטלעכע קולות: ״דרייפוס אויף דער גיליאָטינע!״, ״א טויט די יידן!״. צוערשט איז דער קאָרידאָר כמעט ליידיק. ביסלעכוויז פילט ער זיך אָן מיט מענטשן.

אַלפאָנס דאָדע (מיטלוּוקס, שיינע דעליקאַטע פּנים־שטריכן, שטאַרק קורצזיכטיק, טעמפּעראַמענט פון א פראַנצויז פון דרום. איילט זיך צום פענצטער און רופט אויס מיט באַגייסטערונג): **זאָל לעבן פראַנקרייך! זיי קומען אהער. דאָס פאָלק דערנענטערט זיך — די דעמאַנסטראַציע לאָזט זיך פונאַנדער אין טיולערי. זאָל לעבן דאָס פאַטערלאַנד. זאָל לעבן די אַרמיי!**

עמיל זאָלאַ (מיט א טריקענער שטים): **דאַכט זיך, אַז דער חרפּהדיקער צערעמאָניאַל איז פאַרענדיקט.**

דאָדע: אַן עֶרן־צערעמאָניאַל מיינט איר אוודאי. נאָך א וויילע וועט אָנקומען מיין זון לעאָן. ער וועט אונדז איבערגעבן די פּרטים, דערציילן וועגן דער דעגראַדאַציע פונעם פאַרעטער.

זאָלאַ: איר זענט דאָך אינגאַנצן איין שטיק באַגייסטערונג. איר האָט זיך דאָך אינגאַנצן געענדערט, אַלפאָנס דאָדע! כ׳דערקען דאָך אַבסאָלוט נישט דעם שטילן אידילישן דיכטער!

דאָדע: גאַנץ פראַנקרייך האט זיך געענדערט דורך דעם דרייפוס־סקאַנדאַל. אויך איר, זאָלאַ, וואָלט געוואָרן אַן אַנדערער, ווען נישט דאָס וואָס איר האָט די לעצטע צייט פאַרבראַכט אין אויסלאַנד. א נייער פּאַטריאָטיזם פלאַקערט אויף אין אונדזערע הערצער (עס קומען אריין דער קריגס־מיניסטער גענעראַל מאַרסיע און מאַיאָר עסטערהאַזי).

די אָנוועזנדיקע: זאָל לעבן גענעראַל מאַרסיע! זאָל לעבן די אַרמיי! א

טויט די פאַרעטער פון פראַנקרייך (גענעראַל מאַרסיע און מאַיאָר עסטערהאַזי דאַנקען).

זאַלאַ: איז דאָס נישט גענעראַל מאַרסיע?

דאַדע: יאָ, דער קריגס־מיניסטער...

זאַלאַ: וואָס האָט פאַרגעלייגט צו פאַרמשפטן דרייפוסן צום טויט אויף דעם געהיימען פּראָצעס, הינטער פאַרשלאָסענע טירן...

דאַדע: דער פּראָצעס איז טאַקע געווען א געהיימער, ווייל מ׳האָט זיך געמוזט רעכענען מיט דער הויך־פּאָליטיק און מיטן אייראָפּעישן פרידן...

זאַלאַ: דאָס איז געווען אַן אויסרייד פאַר אונדזערע גענעראַל־שטאָבן וואָס האָבן לויט די ידיעות, וואָס איך האָב באַקומען נישט געקענט געפונען קיין איבער־צייגנדיקן אַרגומענט קעגן דרייפוסן... און דערייבער...

דאַדע: (רייסט אים איבער): רואיקער זאָלאַ, נישט אזוי הויך, וואָס פאַרא רייד זיינען דאָס עפּעס? אַזוי רעדט נישט קיין שום פּאַטריאָט (פליסטערט שטיל) אגב, דרייפוס אַליין האָט זיך מודה־געווען אין פאַרברעך, אין דער מיליטער־רישער תפיסה. כ׳האָב א געגויעם באַריכט.

זאַלאַ (דערשטוינט): מודה־געווען? איז דאָס מעגלעך? ווער האָט אייך דאָס דערציילט?

דאַדע: כ׳האָב דאָס געהערט פון עדואַרד דרימאָן, דעם ארויסגעבער פון "ליבר פּאַראָל".

זאַלאַ: די אַנטיסעמיטישע צייטונג? דאָס איז נישט קיין באַגלויבטער מקור.

דאַדע: רואיק (באַגריסט זיך מיט די צוויי אָפיצירן. מיניסטער מאַרסיע און עסטערהאַזי גייען זיי פאַרביי).

זאַלאַ: ווער איז דער אָפיציר וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען מיטן קריגס־מיניסטער?

דאַדע: מאַיאָר עסטערהאַזי. א גלענצענדיקער ריטער און אויסגעצייכנטער זעלנער.

זאַלאַ: א מאָדנע פנים. זיין אויסזען רעגט מיך אויף, א געזיכט פון אַן אוואַנטור־ריסט.

דאַדע: שרייבט וועגן אים א ראָמאַן, זאָלאַ. אָט קומט אָן עדואַרד דרימאָן (לויפט אים אנטקעגן).

דרימאָן (א הויכער מיט א געפלעגט גרויס בערדל, קינסטלער־קראַוואַט): פאַר וואָס, אַלפאָנס דאַדע, זענט איר נישט געווען ביים גרויסן פּאַטריאָטישן אקט?

דאַדע (אין א פאַרלעגנהייט): איך, איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב א קראַנק

האַרץ, מיין זון לעאָן אין אָבער דאָרט, פאַרשטייט זיך, יאָ געווען. ווי איז דאָס אדורך?

דרמאָן: פּרעכטיק, ממש גראַנדיעז. לעאָן וועט אייך דערציילן. אייער וווּנדער־באַרער זון איז געווען פול מיט התלהבות. ווייל איז דעם פאָטער וואָס האָט אַזאַ זונדל, אַלפאָנס. אין אים האָבן מיר א יונגען אויפגייענדיקן פּאָליטיקער פאַר אונדזער פאָטערלאַנד. א ניי פּאַטריאָטיש פראַנקרייך לעבט אויף!

דאָדע (דריקט אים א געריטער די האַנט): אַדאַנק אייך מיין פריינט.

דרימאָן (באמערקט פּלוצים זאַלאַן): איז דאָס נישט עמיל זאָלאַ?

דאָדע: אַוודאי. ערשט איצט צוריקגעקומען פון איטאַליע. זאָלאַ, זייט באַקאַנט—דאָס איז עדואַרד דרימאָן!

דרימאָן: איר האָט פיל פאַרלוירן, מעסיע זאָלאַ. דאָס דעמאַסקירן דעם פאַרעטער דרייפוס איז דער פאַרדינסט פון אונדזער צייטונג.

זאָלאַ (קאַלט): כ׳דערמאָן זיך, בערנאַר לאַזאַר האָט מיר דערציילט, אַז "ליבר פּאַראָל" איז געווען די ערשטע צייטונג, וואָס האָט עפנטלעך באַשולדיקט דריי־פוסן אין פאַראַטן דאָס פאָטערלאַנד—

דרימאָן (פאַנאַטיש): ריכטיק, ריכטיק. איר דאַרפט וויסן, אַז די פירער פונעם יידנטום, און קודם כל—ראָטשילד און באַראָן הירש—האָבן געוואָלט באַהאַל־טן דעם פאַקט, אַז דער פאַרעטער איז א ייד. נו, מיר האָבן עפנטלעך געשטעלט צום שאַנדסלופּ, דעם יודאַש. הערט איר די שטים פון די פּאַריזער פאָלקס־מאַסן? (עפנט דאָס פענצטער) זיי פאַרלאַנגען טויט פאַר דעם ייד (ווידער חזרן זיך איבער די קולות: "א טויט די יידן!", "א טויט דעם פאַרעטער!".

דרימאָן (מיט א זיגערישן טאָן): מיר האָבן געזיגט (באַגריסט עסטרהאַזין) אָ, הער מאַיאָר, זאָל לעבן די אַרמיי!

זאָלאַ: כ׳האָב געהערט אַז דרייפוס זאָל זיך האָבן אַליין מודה־געווען, איז דאָס אמת?

דרימאָן (ראַפּטום): פונוואַנען ווייסט איר דאָס?

זאָלאַ: פון אונדזער פריינט, דאָדע.

דאָדע: ריכטיק. כ׳האָב זאָלאַן דערציילט דאָס וואָס כ׳האָב פון אייך געהערט.

זאָלאַ: און פון וואַנען ווייסט איר דאָס, הער דרימאָן? ביז איצט איז מיין מיינונג געווען ווי די מיינונג פון בערנאַר לאַזאַר, אַז אַליץ איז פאַרנעפּלט, אָן באַווייזן, הוץ דער אורטייל פון מיליטערישן געריכט, וואָס איז געגעבן געוואָרן איינ־שטימיק... אויב אָבער דרייפוס האָט זיך אַליין מודה־געווען, וואָלט איך,

פאַרשטייט זיך, געוואָלט אז אויך אונדזער בערנאַר לאַזאַר זאל וויסן דעם דאָ־זיקן פאַקט.

ד ר י מ אָ ן (געלאַסן): ער האָט באַקומען די ידיעה פון דעם זעלבן מקור.

ז אָ ל אַ (אויפגערעגט): פון וואָס פאַרא מקור? איר מוזט דאָס אויספּירלעכער זאָגן, הער דרימאָן!

ד ר י מ אָ ן (נאָך א ווייל טראַכטן): יאָ, איר דאַרפט דאָס וויסן (רוימט עפּעס איין בסוד אין אויער פון זאָלאַ) דאָס באַפרידיקט אייך? מיין הער? כ׳האָב אייך אַלץ דערציילט, הגם איך האָב נאָכנישט די דערלויבעניש דעם סוד צו פאַר־עפנטלעכן.

ז אָ ל אַ (זייער געטראָפן): ווען אזוי...דאָן, פאַרשטייט זיך...אויב מאַיאָר פאַר־ניצעטי אליין, דער דירעקטאָר פון דער מיליטערישער תפיסה זאָגט דערויף עדות...אָבער איז דאָס זיכער?

ד ר י מ אָ ן: ״ליבר פאַראָל״ איז אַבסאָלוט זיכער: דרייפוס האָט זיך מודה־געווען אין פאַראַט.

ז אָ ל אַ: אויב אזוי, איז דאָס א גאַנץ אנדערע זאַך. איז בערנאַר לאַזאַר נאָך נישט געקומען? כ׳מוז מיט אים שמועסן!

ד אָ ד ע: כ׳האָב אים נאָכנישט געזען.

עס קומען אַריין: עמיל שיף, דער קאָרעספּאָנדענט פון דער וואָלף־אַגענטור און די פּאַציפיסטקע בערטאַ פאָן זוטנער, אָן עלעגאַנטע דאַמע, הויכוווקסיק, געלבלעך־בלאָנד, באַשיידן אָנגעטוען, שטאָלצער אַדעליקער אויפטריט. ווענ־דעט זיך צו שיפן).

ז ו ט נ ע ר: וועט זיין א פּאַרלאַמענט־זיצונג נאָך דעם אויפטרייסלענדיקן בילד? וועט פאַרקומען א דעבאַטע איבער דער פראַגע? וואָס איז אייער מיינונג?

ש י ף: א זיצונג — יאָ, א דעבאַטע — נישט.

ז ו נ ט ע ר (נייגעריק): דהיינו?

ש י ף: קאָלעגע זשאָרעס האָט מיר איבערגעגעבן וועגן דעם סדר־היום.

ז ו ט נ ע ר (נייגעריק): דהיינו?

ש י ף: באַשטימונג פון א נייעם פאַרשיקונגס־פּלאַץ פאַר פאַרברעכער.

ז ו ט נ ע ר: האָט אייך זשאָרעס אויך איבערגעגעבן דעם נאָמען פון אָרט?

ש י ף? דער שדים־אינדזל.

ז ו ט נ ע ר: א שרעקלעכער נאָמען!

ש י ף: א שרעקלעך אָרט!

דאָדע (סערווירט זיי די גאַנצע צייט): ווער איז די דאַמע וואָס שמועסט מיטן זשורנאַליסט?

דרימאַן: נישט געהערט געוואָרן אַזאַ זאַך! וואָס טוט א פרוי אין פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט?

זאַלא (שמייכלט): פאַרדינט כאַטש אויפמערקזאַמקייט, ריכטיק?

דאָדע (וואַרפט אויף איר אַ דורכדרינגענדיקן בליק פון א קורצזיכטיקן): הימל און ערד, זייער א פיינע פרוי. איר קענט זי?

זאַלאַ: ווער קען נישט בערטאַ פאָן זוטנער, דעם מחבר פון פאַציפיסטישן ראָמאַן "נידער מיטן געווער"?

דרימאַן (פאַרצווייפלט): וואָס, די יידן־פריינדין, וואָס אַטאַקירט מיך אין איר "שלום־וואָך", און איר מאַן העלפט זי אין דער אַרבעט?

זאַלאַ (איראָניש): ווילט איר, מיין הער, זי באַקענען?

דרימאַן (ברומט): ניין, א דאַנק (דערנענטערט זיך צו מאַרסיע און עסטערהאַזי).

זוטנער: איר קומט פון בערלין, ה' שיף? וועמען רעפּרעזענטירט איר?

שיף: די פרעסע־אגענטור "וואָלף" פון בערלין. איך שטאַם אָבער פון ווין.

זוטנער: פון ווין? אויב אַזוי, מיין הער, קענט איר דאָך אַוודאי א געוויסן ד"ר הערצל?

שיף: געוויס. טעאָדאָר הערצל איז מיין טרייסטער פריינט. אַגב, ער דאַרף דאָ אנקומען א ליאַדע מינוט. איך וווּנדער זיך, וואָס ער איז נאָכנישט צוריקגעקומען פון דעם דעגראַדאַציע־אַקט (קוקט זיך אַרום מיט זוכנדיקע אויגן).

זוטנער: איך האָב אים נאָכנישט געזען זינט מיין אָנקומען קיין פאַריז. וואָס מאַכט ער, ד"ר הערצל?

שיף: די באַראָנעסע וועט אים נישט דערקענען, עס איז ביי אים א גרויסע ענדערונג. דער דרייפוס־בלבול האָט אים ווייזט אויס זייער דערשלאָגן. זיין געמיט־צושטאַנד באַזאָרגט מיך זייער.

זוטנער: זאָגט אים, מיין הער, אַז באַראָן זוטנער און איך זיינען באַגייסטערט פון זיינע לעצטע פּאָליטישע אַרטיקלען. כל זמן הערצל האָט געלעבט אין ווין, האָב איך אים געקענט בלויז אַלס פעליעטאָניסט און קאָמעדיע־שרייבער. דאָ, אין פאַריז, האָט ער זיך דערוואָרבן א ברייטן פּאָליטישן קוק. ער פאַרמאָגט אין זיך עפּעס פון א מלוכה־מאַן, מיין איך.

שיף: ער נעמט זיך אָבער צו טראַגיש איבער מיטן דרייפוס־סקאַנדאַל. זייט אויף אים משפיע, באַראָנעסע.

דאָדע (צו זאָלאַן): ווו איז מיין זון לעאָן? ער האָט שוין דאָ געדאַרפט זיין.

זאָלאַ (באַמערקנדיק א יונגען פעסטן בחור): איז דאָס נישט אַמאָל אַט דער יונגערמאַן?

דאַדע: ניין, ניין. דאָס איז ראזשע דע גראַנאַ. אין א ציווילן מונדיר, כא־כא! וואָס זוכט ער דאָ אין פאַרלאַמענט?

זאָלאַ: (אויפמערקזאם): איין מאָמענט, איין מאָמענט — איז דאָס נישט?...

דאַדע: דער נייער אדיוטאַנט פון מאַיאָר פאַרניצעטי. אָבער וואָס וויל ער דאָ אין ציווילער קליידונג?

זאָלאַ (מיט שטאַרקן נייגער): דער אַדיוטאַנט פון דירעקטאָר פון דער מיליטע־רישער תפיסה, וואָס דרימאַן האָט דאָ פריער דערמאָנט?

דאַדע: דער זעלבער. אָבער וואָס אינטערעסירט דאָס אײַך אַזוי?

זאָלאַ: איך זייער א גרויסער מאָס. רופט אים אַהער, אויב איר קענט אים.

דאַדע: מיט גרויס פאַרגעניגן (גייט צו גראַנאַ) האַלאָ, ראַזשע, וועמען זוכט איר?

גראַנאַ (איבעראשט, וואָס מען האָט אים דערקענט): אָ, דאָס זענט איר, הער דאַדע... איין דעם מאָמענט בין איך אויסערן דינסט; כ׳בין דאָ צופעליק אַריינגעקומען... אפשר האָט איר געזען בערנאַר לאַזאר? איך האָב געוואָלט מיט אים רעדן וועגן אַן אַבסאָלוט פריוואַטן ענין. אַן ענין וואָס איז נוגע (עס פילט זיך אין זיינע רייד אַן אויפגעצווינגענער ליגן) פון א פריינטלעכער טובה פאַר א באַקאַנטן...

זאָלאַ (דערנענטערט זיך): בערנאַר לאַזאַר איז נישטאָ. איך בין זיין פריינט. קען איך אין אייער נאָמען ביי אים עפּעס בעטן פאַר אייך?

גראַנאַ: ניין, ניין — דאָס איז א פריוואַטער ענין... אבסאָלוט פריוואַט. אַנט־שולדיקט, מיינע הערן, איך וועל וואַרטן (שטעלט זיך אוועק אין ווינקל).

זאָלאַ: המ... אַט קומט ווירקלעך אייער זון לעאָן, דאַדע!

לעאָן דאַדע (נערוועז, איילט זיך צום פאָטער): דאָס איז געווען באַצויבערנ־דיק, פאָטער! דער פרעכטיקסטער איינדרוק אין מיין לעבן. ווען דער גענע־ראַל דאַראַס האָט אויסגערופן: "דרייפוס, איר זייט נישט ווערט צו טראָגן מיליטערישע געווער, אין נאָמען פון פראַנקרייך דעגראַדיר איך אייך!" און ווען דער ייד האָט אויפגעהויבן זיינעביידע הענט און געשווירן פאַלש ביים יידישן גאָט, און ווען מ׳האָט צעבראָכן די שווערד פון דעם נבעכדיקן פאַר־ברעכער — איז יעדעס פאַטריאָטישע האַרץ אָנגעפילט געוואָרן מיט פרייד און שאַלונג. "צו דער גיליאָטינע" — האָט דער המון געשריגן באַגייסטערט. מס־תמא איז דאָס אויך דערגאַנגען צו אייך. דאָס פאָלק איז געווען גרייט צו

צעשניידן אויף שטיקער דעם דרייפוסן און אלע יידן מיט אים. (לעאָן דאַדע דערזעט פלוצעם דעם זשורנאַליסט בערנאַר לאַזאַר, וואָס קומט אַריין מיט א גרימאַסע אויפן פנים) אָט קומט בערנאַר לאַזאַר, דער אָנהענגער פון דרייפוסן און פון די יידן, פע!

דאַדע: דו טרייבסט איבער, לעאָן, פאַראַן אויך אָרנטלעכע איזראַעליטן, און דאָס בילד פון דער דעגראַדאַציע וואָס דו האָסט געשילדערט...

זאָלאַ (רייסט איבער) דער ריח פון דער גיליאָטינע האָט דערפון זיך געטראָגן, ווי עס לעבט דער גאָט פון אמת! וואָלט דרייפוס נישט מודה־געווען זיך, וואָלט איך זיכער געווען אין זיין אומשולד.

לעאָן (לאַכט הויך): כאַ־כאַ־כאַ, דרייפוס אומשולדיק! זייט איר א ייד, מיין הער?

זאָלאַ (איראָניש): צו מיין באַדויערן — נישט. מיין נאָמען איז עמיל זאָלאַ (איילט זיך צו בערנאַר לאַזאַר) אָ, בערנאַר לאַזאַר מיין פריינט (שטרעקט אים אויס ביידע הענט; לאַזאַר דריקט זיי וואַרעם, דאַדע דערווייטערט זיך פון זיי און גייט־צו צו די אויסלענדישע זשורנאַליסטן).

לאַזאַר (מיטלוווקס, שוואַרצע האָר, שפּיציק בערדל, טיפּ פון א סעמיטישן אינטעלעקטואַל): עמיל זאָלאַ, — סוף סוף! גוט וואָס איר זענט געקומען. שוין דער לעצטער מאָמענט, ממש דער לעצטער מאָמענט. האָט איר באַקומען מיין בריוו?

זאָלאַ: פאַרשטייט זיך; באַלד ווי איך האָב אים דערהאַלטן, בין איך געפאָרן קיין פּאַריז. ווו איז זשאָרעס?

לאַזאַר: מיר וועלן זיך מיט אים שפּעטער טרעפן, וועט איר זיין מיט אונדז?

זאָלאַ: באַשטימט... ווייסט איר, אַז מען האָט אייך דאָ געזוכט? דאָ איז געווען דער יונגער גראַנאָ, דער אַדיוטאַנט פון מאַיאָר פּאַרניצעטי.

לאַזאַר (אָטעמט ברייט אָפּ): איך וואַרט אויף אים, אָבער ווו איז ער? איך דאַרף מיט אים גלייך רעדן, תיכף ומיד! ווו איז ער?

זאָלאַ: איך ווייס, ער דאַרף מיט אייך דרינגענדיק שמועסן, אָבער... (רייסט פלוצים איבער און קוקט מיט פאַרוואונדערטע אויגן אויף טעאָדאָר הערצל, וואָס קומט אריין אין דעם מאָמענט און דערנענטערט זיך צו די זשורנאַליסטן). ווער איז דאָס? א זשורנאַליסט אדער איינער פון די גרויסע מאַגנאַטן? ווועמען איך מיין? אָט יענעם בלאַסן, הויכן מיט די טונקעלע אויגן, וואָס שטייט ביי דאַדע — איך האָב אים נאָך קיינמאָל נישט געזען.

לאַזאַר (קוקט זיך ארום): ווייל איר זענט א לאַנגע צייט נישט געווען אין פּאַריז.

דאָס איז דער קאָרעספּאָנדענט פון אַ גרויסער ווינער צייטונג — ד״ר טעאָ־דאָר הערצל.

זאַלאַ: פונדעסטוועגן אַ זשורנאַליסט — אַ שאָד.

לאַזאַר (לאַכט): אויך איך מיין, אַז עס איז שאָד. זעט ער נישט אויס ווי אַ נביא פון מיין אור־אַלט פאָלק?

זאָלאַ: יאַ אַ נביא, נישט אַ נביא — אָבער אַ פּרעכטיק געזיכט. אָבער אַט איז דיין יונגער פריינט — גראַנאַ. ערשט איצט האָט ער אייך באַמערקט. איך גיי, און קום באַלד צוריק (אָפּ).

דאָדע (גייט צו צו הערצלען און נעמט אים אַוועק אין אַ זייט): גוט וואָס איך האָב אייך געטראָפן, ד״ר הערצל, ווילט איר הערן נייעס פאַר אייער צייטונג? ווייסט איר שוין וואָס עס האָט מיר געזאָגט מיין פריינט דרימאָן? איר קענט דאָס מודיע זיין אַלע צייטונגען אין דער וועלט. און דווקא איר, ווייל איר האָט קיינמאָל נישט געגלייבט אין דרייפוסעס שולד, וועלכער האָט זיך איצט מודה־געוועז.

הערצל (אויפגעטרייסלט): זיך מודה־געוועז? ווער זאָגט דאָס?

דאָדע: מאַיאָר פאַרניצעטי אַליין, דער דירעקטאָר פון דער תפיסה.

הערצל: ניין, ניין, דאָס איז נישט מעגלעך!

גראַנאַ (צו לאַזאַר): איך וויל אייך זאָגן בלויז איין וואָרט, הער לאַזאַר, בלויז אייך. קען מען דאָס?

לאַזאַר: איך האָב געוואַרט דערויף (דערווייטערט זיך מיט גראַנאַ אין אַ ווינקל פון צימער).

באַראָנעסע פאָן זוטנער (צו שיף): איך גליב נישט אין דער שולד פון קאַפּיטאַן דרייפוס...

שיף (מיט גרויס רעזערוואַציע): אויב מ׳קען אים רופן מיטן טיטל קאַפּיטאַן נאָך דער דעגראַדאַציע...

זוטנער: דווקא ווייל ער איז אַ ייד, גלייב איך נישט.

שיף: דווקא ווייל ער איז אַ ייד? מאָדנע.

זוטנער: דאָס איז כלל נישט מאָדנע. דען ווער קעמפט קעגן אים? ווער איז זיין קעגנער? גענעראַלן, קלעריקאַלן, מאָנאַרכיסטן, קורץ: די וואָס העצן צו קריג, שונאים פון דער פרייער רעפּובליק. און ביי דעם אַלעם זיינען זיי פיינט פון יידן. זיי שלאָגן יידן און מיינען די מאָנאַרכיע, ווייל זיי ווילן באַנייען זייער רעזשימס. דאָס איז די רעאַקציע, אָביעקטיוו געזען די זאַך.

שיף: מיט אַזאַ אָביעקטיוויטעט קענט איר בלויז קוקן, ווייל איר זענט נישט קיין

ייד. מען טאָר אָבער נישט זאָגן אויף אונדז יידן, אַז מיר פאַרטיידיקן דעם פאַרעטער, ווייל ער שטאַמט פון יידן. נאָר נישט סאָלידאַריטעט מיטן פאַרברעכער!

עגאָן פאָן פירט (רעפערענט פאַר פּרעסע־ענינים, קומט אַריין מיט א מאַנאַקל אויפן אויג): זייער ריכטיק, שיף, וואָס גייט אונדז אָן א פראַנצויזישער פאַרעטער?

שיף: איך דערלויב זיך אייך פאַרצושטעלן, פאָן פירט — פּרעסע־אַטאַשע ביי דער עסטרייכישער געזאַנדשאַפט — באַראָנעסע בערטאַ פאָן זוטנער (האַנט־קוש).

פירט: דאָס יידנטום טוט גוט, וואָס דערווייטערט זיך פון דרייפוסן. נאָר נישט פאַרנעמען זיך מיט דעם ענין — זאָגט מיין פריינט באַראָן ראָטשילד. זאָל גראָז וואַקסן אים אויף די באַקן, אָבי אויסמיידן א קאָמפּראָמיטאַציע — זאָגט באַראָן הירש. איך פרעג אייך: דאַרף די גאָלדענע יונגט זיך קאַליע מאַכן א קאַר־יערע צוליב איין דרייפוס? דרייפוס אַליין וואָלט דאָס נישט געטאָן, ווען ער וואָלט ווייטער געווען אַן אָפיציר.

שיף: זייער ריכטיק.

זוטנער: און וואָס איז די אָפיציעלע שטעלונג פון אונזער עסטרייכישער גע־זאַנדשאַפט צו דער דאָזיקער אַוואַנטורע?

פירט: (אין א דיפּלאָמאַטישן טאָן): גענוי ווי די שטעלונג פון אונזער פאַרבינ־דעטער דייטשער געזאַנדשאַפט. (מיט חשיבות) אינגיכן וועל איך האָבן דעם כבוד צו דערלאַנגען דעם פראַנצויזישן אויסערן־מיניסטער א געמיינזאַמען קאָמוניקאַט פוןביידע געזאַנדשאַפטן צום פאַרעפנטלעכן אין דער פּרעסע: בערלין און ווין האָבן נישט געקענט דרייפוסן און האָבן קיינמאָל נישט גע־הערט זיין נאָמען.

שיף: אויב ביידע קייזערס זאָגן אַזוי, איז ער דאָך נישט קיין פאַרעטער!

זוטנער: און ער איז אומשולדיק.

פירט (פאַרטרוילעך): דאָס איז נאָך נישט קיין באַווייז... אפשר איז ער געווען א שפּיאָן לטובת אַן אַנדער גרויסמאַכט... איטאַליע... רוסלאַנד...
(די אַנוועזנדיקע קוקן אים אָן מיט נייגער, גלייך אין מויל אריין).

פירט (מיט דיפּלאָמאַטישער פאַרזיכטיקייט): איצט, ווען איך האָב שוין געזאָגט, איז ווי איך וואָלט גאָרנישט געזאָגט. מיין ערע, באַראָנעסע! (נייגט זיך) סער־ווּוס (אין דער ריכטונג פון שיף).

שיף: אייגנטלעך איז ער געדעכט. וואָס גייט אונדז אָן דרייפוס? דווקא ווייל איך

בין א ייד דערקלער איך אָפן: מיר טאָרן נישט זאָרגן פאר אים, ער קען אונדז פארשאַפן שאָדן, וואָס אַרט אונדז דרייפוס?

הערצל (דערנענטערט זיך האַסטיק): וואָס אַרט אונדז דרייפוס? פילט איר נישט, אז עס איז פאַרשוועכט געוואָרן אונדזער אלעמענס כבוד? דער כבוד פון יעדן ייד און פון דער גאַנצער נאַציע?

שיף: הערצל, וואָס רעדט איר? זענט איר ביים זינען? וועגן וואָס פאַרא פאָלק רעדט איר?

זוטנער (גייט פלינק צו צו הערצלען, שטרעקט אויס א האַנט): אָ, ד"ר הערצל! (ציט זיך צוריק פאר זיין בליק) וואָס איז אייך?

הערצל: מ'האט ארויסגעלאָזט א קלאַנג אין די פאַרלאַמענט־קולואַרן, אז דרייפוס האָט זיך מודה־געווען אין פאַרברעך קורץ פאַר זיין דעגראַדאַציע. דאָס איז נישט אמת. דאָס איז אַן אוממעגלעכע זאַך.

שיף: ווי קענט איר דאָס זאָגן?

הערצל: איך ווייס דאָס. איך ווייס דאָס פון א זיכער געפיל, וואָס האָט מיך קיינמאָל נישט גענאַרט...

שיף: געפיל, געפיל...

הערצל: אָבער נישט בלויז פון געפיל אליין. אויך די לאָגיק פאַרפליכטעט דאָס.

שיף: לאָגיק — וויאַזוי?

הערצל: אַן אָפיציר וואָס שטרעבט צו כבוד, און דערצו — אַן אָפיציר פון הויפּט־שטאַב, א רייכער מיט גוטע אויסזיכטן, דערצו נאָך א ייד — וועט נישט פאַראַטן. אָבער נאָכמער האָט מיר געזאָגט דאָס, וואָס איך האָב געזען מיט מיינע אויגן, דאָס אוממיטלבארע אָבסערווירן. האָט איר נישט געזען מיט וואָס פאַרא גייס־טיקע יסורים ער האָט אויפגעהויבן די הענט? האָט איר נישט געזען דעם צער פון זיינע תמימותדיקע און רעכטפאַרטיקע אויגן? האָט איר נישט געהערט דעם עכאָ פון גערעכטיקייט אין זיין ציטערדיקער שטים, ווען מ'האָט פון אים אַראָפּגעריסן די ערן־אָפּצייכנס? האָט איר נישט געהערט ווי דער המון האָט געשריִען? ווי ער האָט געווילדעוועט מיט אכזריותדיקן שטורעם? נישט בלויז דער כבוד פון קליינעם אָפיציר דרייפוס איז פאַרשוועכט געוואָרן, נאָר דער כבוד פון יעדן ייד, די ווירדע פון מענטש, די מענטשן־רעכט (ווייזט אַן אויף שיפן און אויף זיך): פון דיר, פון מיר, פון אונדז אלע האָט מען אוועקגערויבט די גלייכקייט, די פרייהייט, די ברודערשאַפט, פון דיר און פון מיר, פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק.

ש י ף: איר רעדט דאָך הערצל ווי אין מאַלאַריע־פיבער. איר זייט קראַנק. נישטאָ קיין יידיש פאָלק.

ד אָ ד ע (קומט אַן הינטער הערצלען): איר איבערטרייבט אזוי ווי מיין זון לעאָן — נאָר אין דער פאַרקערטער ריכטונג. א מענטש דאַרף זיין אָביעקטיוו.

ז ו ט נ ע ר: אויך איך האַלט, טייערער ד״ר הערצל, אַז איר נעמט זיך צופיל איבער, איר דאַרפט דאָס נישט נעמען פערזענלעך.

ש י ף: צופיל פערזענלעך — דאָס איז די זאַך. דער דרייפוס־סקאַנדאַל איז א פאָליטישע פראַגע פאַר אונדז אלעמען.

ד אָ ד ע (באַטאָנט): האָט איר געהערט, אַז דרייפוס האָט זיך מודה געווען?

ש י ף: פון א זיכערער קוועלע?

ד אָ ד ע: פון דער באַגלויבסטער. נישטאָ קיין ספק אין דעם.

ז ו ט נ ע ר: נישטאָ קיין שום ספק, אַז דרייפוס האָט זיך מודה־געווען? אויב דאָס איז ריכטיק...

ש י ף (צו הערצלען): נו, זעט איר, הערצל? טאָ וויאַזוי קענט איר זיך אידענטיפיצירן מיט פראַנקרייכס פאַרעטער? וואָס פאַרא שייכות האָט איר מיט אים?

ד אָ ד ע: לאָזט די זאַך אונדז פראַנצויזן, ד״ר הערצל, אונדזער מיליטערישער טריבונאַל און אויך אונזער פאָלק, האָבן שוין אַרויסגעגעבן זייער אורטייל אויף דרייפוסן.

ה ע ר צ ל (גייט צו צום פענצטער און עפנט עס): הערט איר דעם המון? אייער פראַנצויזיש פאָלק? ״א טויט יידן!״ שרייט דאָס פאַריזער פאָלק. ״א טויט אַלע יידן!״ און פאַרוואָס? — ווייל מיר האָבן נישט קיין פאַרטיידיקער, וואָס זאָל אונדז עפנטלעך באַשיצן. דעריבער וויל דער המון אונדז אומברענגען, אויסראָטן.

ד אָ ד ע: דאָס איז דאָך דער זעלבער המון, וואָס האָט אַמאָל געשטורעמט די באַסטיליע!

ה ע ר צ ל: פאַראַן א קליינער אונטערשייד. דעמאָלט, אין די טעג פון דאָזיקן גייסט־מענטש (ווייזט אַן אויף דער סקולפּטור פון מיראַבא), איז די לאָזונג געווען: גלייכהייט, פרייהייט, ברודערשאַפט... גלייכע מענטשן־רעכט פאַר אלע, אויך פאַר אונדז יידן. און איצט — איצט וויל מען אוועקרויבן פון אונדז יידן א קליינע זאַך — די גלייכבארעכטיקונג, אויב עס וועט זיך נישט געפונען א פאַרטיידיקער וואָס וועט אונדז באַשיצן, מלמד־זכות־זיין אויף אונדז.

דאָדע (מיט פּאַראַינטערסירונג): וואָס פּאַראַ פּאַרטיידיקער? וועמען אייגנטלעך מיינט איר?

שיף: ווילט איר זאָגן דערמיט, אַז איר... איר אַליין... ווילט זיין דער פּאַרטיי־דיקער?

הערצל: זייער ריכטיק. אויב עס וועט נישט זיין קיין בעסערער ווי איך, אָנערקען איך זיך אַלס דער, וואָס וועט פּאַרטיידיקן דאָס יידישע פֿאָלק.

דאָדע (אויפגעטרייסלט): Parbleu! הערצל מאַכט אויף מיר אַן איינדרוק! גלייבט איר מיטן גאַנצן האַרץ, אַז דרייפוס איז נישט שולדיק?

הערצל: נישט שולדיק, ער קען נישט זיין שולדיק. (גייט פּאַרויס צום פּאַרהאַנג, אייניקע רינגלען אים אַרום, באַמיען זיך אים איבערצורייסן): אַ טיף געפֿיל, וואָס האָט מיך אָוועקגענומען פֿון מיין משפּחה־קרייז און געבראַכט אַהער, צום דאָזיקן היסטאָרישן פּלאַץ און אין דאָזיקן אַנטשיידנדיקן מאָמענט, לערנט מיר מיט אַ קלאָרן חוש צו אונטערשיידן צווישן גערעכטיקייט און עוולה. די פֿעלקער זיינען געשלאָגן מיט בלינדקייט פֿון קליינלעכער קנאה און שנאה. עס מוז אויפקומען אַ גרויסע טאָט, אַ ריינער און דערהויבענער טאָט — דאַן וועלן מענטשן ווידער לערנען אונטערצושיידן צווישן גערעכטיקייט און רשעות. און ווייל די שנאה איז געווענדעט קעגן יידן, איז נויטווענדיק אַז די טאָט זאָל קומען דווקא פֿון יידישן צד, גענוי ווי משה איז אויפגעשטאַנען קעגן פּרעה בעת ער האָט אונטערדריקט דאָס אומשולדיקע יידישע פֿאָלק. דער ענין איז גרויס און איינצייטיק פּשוט. איינפֿאַך גענוי ווי יעדע גרויסע זאַך. עס איז נויטיק אַ נייער משה, וואָס זאָל לערנען דעם מענטש גערעכטיקייט און פֿרייהייט.

דאָדע (דערשטוינט): אַ נייער משה? (מיט אַ דרום־פֿראַנצויזישן טעמפּעראַמענט) דאָס איז פּאָעטיש, טעאַדאָר הערצל, דאָס איז פּרעכטיק. אָ, ווי פּרעכטיק! שרייבט, אדרבא, אַ נייעם ראָמאַן אויף אָט דער טעמע. דער טיטל — „אַ נייער משה", אַ ראָמאַן וועגן יידישן לעבן.

שיף (שטיל צו זוטנער): הערצל האָט ווייזט אויס פֿיבער. איר זעט ווי ער מאַיאָט־שעט?

זוטנער: אויך מיר איז פּאַרדעכטיקט זיין צושטאַנד.

שיף: דאָס וואָס איך האָב געזאָגט, טייערע פֿריינדין: הערצל האָט פֿיבער.

זוטנער (מיט ציטער): איר מיינט דאָס באמת? אויב אַזוי פֿירט אים אפֿ אין זיין האָטעל, הער שיף, נעמט נישט אַראָפּ דאָס אויג פֿון אים.

דאָדע (זעצט פֿאָר מיט התלהבות): אַ נייער משה — ווירקלעך אַ ווונדערבאַרער

מאַטעריאַל פאַר אַ ראָמאַן. דאָס וועט אייך שאַפן דערפאָלג אין דער גאַנצער וועלט, הערצל!

שיף: **אָבער לאָמיר צוריק צו דערווירקלעכקייט, און די ווירקלעכקייט זאָגט...** (פלוצים ווערט אַ געדודער און גאנצן הויז. ער רייסט איבער זיין רעדן. עס קומט אַריין זאַלאַ).

זאָלאַ: **ווייסט איר דאָס שוין, מיינע פריינט? קומט, הערט זיך אלע צו!** (אלע רינגלען אים ארום. שטילקייט) **דרייפוס האָט זיך נישט מודה־געווען. מאַיאָר פאַרניצעטי לייקנט אָפּ די קלאַנגען און באַפולמעכטיקט מיר דאָס עפנטלעך באַקאַנט צו מאַכן אין זיין נאָמען. דרייפוס האָט זיך נישט מודה־געווען אין פאַרברעך.**

אלע (איינער נאָכן אנדערן): **האָט איר געהערט? דאָס איז א פאלשער קלאַנג. דרייפוס האָט זיך נישט מודה־געווען, הערט! דרייפוס האָט זיך קיינמאָל נישט מודה־געווען! אויך זאָלאַ זאָגט, אַז דאָס איז אַ שקר.**

הערצל: **איך האָב דאָס געוווּסט. איך בין אין דעם זיכער געווען.**

לאַזאַר (אָבסערווירט אים, ווייזט אויף אים אָן און זאָגט אין אַן אויסגעשפּראָכן יידישן טאָן): **ער איז ווי אַ נביא... ער האָט געוווּסט... איר זעט אים, זאָלאַ? דערלאַנגט זיך די הענט איינער דעם אנדערן!** (ער דערנענטערט זאָלאַן צו הערצלען).

(פאָרהאַנג)

מאַטעריאַל צום פאַרלייענען

ו. הספדים

הערצל איז נישטאָ!

ידיעה אין "הצפירה"

ווין 21 (4), נאָכמיטאָג. ד"ר הערצל איז געשטאָרבן. וועגן טאָג פון דער לוויה וועלן מיר מודיע־זיין. — דאָס קאָנגרעס־ביוראָ.

יתומים זיינען מיר געוואָרן! דאָס גרויסע האַרץ, דאָס האַרץ פון א לייב און אָדלער, דאָס האַרץ אין וועלכן עס האָט געקלאַפּט דער עכאָ און די ליידן פון פאָלק, זיינע האָפענונגען און קרעכצן, געשריי און בענקשאַפט, דאָס האַרץ וואָס איז פאַר אונדז געווען ווי דער טוי אין פרילינג, ווי א ליכטיקער פונקט, ווי א צענטער פון כוח, דאָס דאָזיקע האַרץ — האָט אויפגעהערט צו קלאַפּן.

אָט ליגט ער פאַר אונדז — דער איינציקער, דער ליבער, דער ריינער — דער דערלייטערסטער, אַלץ וואָס איז נאָר געמאָלט אין מענטשלעכן חן און אָדעליקייט — ליגט פאַרשטייפט, טויט!

די האַנט שרייבט און די אותיות פליען פאַר די אויגן ווי פלעווס אין שטורעם. נישט מעגלעך צונויפצוזאַמלען די בלאָנדזשענדיקע געדאַנקען, וואָס זינקען אין דער פינצטערניש; נישטאָ דער כוח צו באַוועגן די פעדער. אַלע האַרץ־אָדערן שרומפּן זיך איין פון דעם דערשלאָגנדיקן דרוק און א שטראָם פון פאַרפרירנדיקער קעלט פאַרקלעמט דעם מוח און דאָס האַרץ.

און אין דעם בלבול פון געדאַנקען דאָמינירט איין געדאַנק: דאָס וואָס האָט אונדז געטראָפן — איז נישט קיין טויטפאַל נאָר א נאַציאָנאַל אומגליק, דאָס איז א...ח ו ר ב ן!

נישט קיין שטערן איז געפאַלן, נישט א שטערן ווי פיל אַנדערע שטערנס. די זון איז אונטערגעגאַנגען און עס איז געוואָרן נאַכט. שוואַרצער ווי נאַכט — אַז מען קען אַזש גאַרנישט זעען.

נישט נאָר מיר אַלע ציוניסטן נאָר דאָס גאַנצע יידישע פאָלק איז געשלאָגן געוואָרן. דאָס אומגליק איז אין לשער!

שלעכטע שמועות זיינען געקומען יעדן טאָג, מיר האָבן אַלע געוואוסט; אָבער בלויז זייער ווייניק באַקאַנט געמאַכט. פּאַרזיכטיק זיינען מיר געווען, כדי די זאַך וואָס איז אונדז אַזוי טייער נישט צו פאַרוואַנדלען אין אַן ענין פון נייעס. בלויז איינמאָל, ווען דער אינהאַלט פון דעם קלאַנג איז געווען זייער באַאומרואיקנדיק, האָבן מיר געהאַלטן פאַר וויכטיק כאָטש עפּעס מיטצוטיילן.

ווען אין "הצפירה" איז אָפּגעדרוקט געוואָרן דער "מי שברך לחולה" — האָבן פיל זיך דערשראָקן: איז ווירקלעך אַזוי שווער דער מצב? מענטשן האָבן נישט געוואָלט גלייבן, נישט געקענט גלייבן, אַז אַזאַ אומגליק איז אַזוי נאָענט צו אויסברוך.

און אויך מיר האָבן זיך דעמאָלט נישט געריכט — אַלץ וואָס לעבט, האָפט און אַרבעט וועט נישט אונטערגעבן זיך פאַרצווייפלונג.

און אָט שטייען מיר ביים קבר וואָס אַנטהאַלט אין זיך דעם יידישן מענטש, וואָס קיינער ווי ער אין דער יידישער געשיכטע האָט אַזוי געקענט אָפּפילן די צרות פון זיין פאָלק, וואָס נישט געווען נאָך אַזאַ קלוגער און העלדישער — אַזאַ לעגענדע פון אַזוי פיל מעלות, אַזוי פיל מידות, אַזאַ באַצויבערנדיקע פּערזענלעכקייט וואָס איז נישט געווען בנמצא.

דער גרעסטער שונא פון אונדזער פאָלק האָט אונדז נישט געקענט גורם זיין קיין גרעסערן וויטיק, אונדז געבן א שטאַרקערן קלאַפּ מיט אַן אבידה וואָס איז נישט צום פאַרגיטיקן. אוממעגלעך געווען אויסצוטראַכטן א מער־שרעקלעכן אומ־גליק, א טיפערן אומגליק — ווי דאָס.

דאָס יידישע פאָלק שטייט אין טרויער און די הויפּט־אבלים זיינען מיר: די ציוניסטן, וואָס שוויגן פון וויטיק.

און עס איז וויכטיק מיר זאָלן אויך זיין שטאַרק, מיר זאָלן שטייען ווי פעלדזן, און עס איז וויכטיק מיר זאָלן געפינען דעם כוח אין זיך, אַזאַ כוח וואָס מיר ווייסן נישט אין איצטיקן מאָמענט ווי אַזוי מיר וועלן אים געפונען.

דערווייל ליגט פאַר אונדז דער מת — און מיר וועלן וויינען, קלאָגן און וויינען...

הספד

נישט ווי פאַרצייטנס משה — האַרט ביים שוועל
פון צוגעזאָגטן לאַנד — איז ער פאַרגאַנגען;
האָט נישט דערפירט צום לאַנד פון די פאַרלאַנגען
בלאַנדזשענדיקע זין. ער האָט זיין זעל
געטראָגן דיר אַנטקעגן, ירושלים,
נאָר ס'איז געוועזן אים מדבר־טויט באַשערט.
אין מדבר נאָך געפאַלן, מיטן חלום
אין הארצן, און מיר וועלן נאָך אַמאָל אים
צוריקגעבן — א טויטן — ציונס ערד...
ערשט איצט האָב איך באַגריפן די כוונה
פון יענע אַלטע אויסטערלישע רייד,
די רייד פון יענעם אַלטן בר־בר־חנא.
אַז ס'ליגן טיף אין מדבר־זאַמד פאַרוויט
נישט נאָר די קנעכט, די נישטיקע פחדנים,
דערצויגן אויף מצרים בייזער רוט, —
נאָר אויך גיגאַנטן, פרעהס שטאָלצע שונאים,
אויך ריזן מיט א מלכותדיקן פנים,
מיט לייב פון קופּער און מיט שטאָל אין בלוט.
יאָ, כ'האָב דעם מיין ערשט איצט באַגריפן קלאָר:
מיר האָגלען דורך וויסט־מדברדיקע פליינען,
פאַרזייענדיק די וועלט מיט אונדזערע געביינען
אין פערציק יובלס נישט נאָר פערציק יאָר;
און נישט קיין קנעכט, אויף הערשער קלעפּ דערצויגן,
האָט צוגערויבט די מדבריקע פרעמד:
א ריז איז געווען, נישט צום בויגן,
אַן אָדלער מיט צווויי אָדלערדיקע אויגן,
ווו ס'האָט א שטאָלצער אָדלער־ווײ געברענט
און הויך איז ער געווען, אין מאַכט געגורט,
און ס'האָט זיין רוף געקלונגען אונדז טראָמפּייטיק,
געהילט האָט ער אין מלכות אונדזער ווייטיק,
און אונדז געפירט צום לאַנד פון דער געבורט

און אונדז פון לעבן נייעם און צעבליטן
געזונגען אַזאַ וווּנדערלעכן שיר,
און ס׳האָט אין בלי־טאָג אים דער טויט פאַרשניטן
און האָט דאָס ליד אַ ריס געטאָן אין מיטן...
נאָר ס׳ליד נאָך אים דערזינגען וועלן מיר...
עס איז דיין קול געווען פאַר אונדז ווי מן,
מיר זענען הונגעריק אָן אים און עלנד.
דער האַמער איז געפאַלן דיר פון האַנט,
נאָר הונדערט טויזנט קליינע האַמערס וועלן
מיר אויפהייבן — גייט הונגער אויס אין זאַטן
גערויש פון אַרבעט, ווערט געשטילט דער קלעם;
מיר וועלן דורכקריכן, ווען פיס פאַראַטן,
מיט ציין צעזעגן שטיינער, ווי די קראַטן,
און — ס׳ווערט דיין ליד דערזונגען, חי השם!
ס׳האָט גאָט אַליין זיך מיט זיין קנעכט געשלאָגן
ווען יעקב האָט פון פרעמדער ערד געבראַכט
זיין האָב אהיים, געוווּנען יענע שלאַכט
האָט יעקב, ווען ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן.
ס׳האָט שטורעם אונדז צעזייט אויף פרעמדע שוועלן,
דאָך זיינען מיר דיין שטאַם, דו קאַמפּס־מאַן גאָטס,
און מעג גאָטס שווערד אַליין דעם וועג פאַרשטעלן —
מיר וועלן זיין און אָנקומען, מיר וועלן
זיך דורכשניידן אַ וועג — אויך איר צום טראָץ!

שלאָף, אַדלער אונדזערער! אַ טאָג קומט אָן —
און דו דערהערסט פון אויסלייזונג די טענער,
דעם דונער פון פאַלקס טריט, גערויש פון פענער,
געזאַנג פון באר־שבע ביז צו דן,
אין יענעם טאָג וועט בענטשן דיך, דער רעטער
די אויסגעלייזטע אומה, וועלכע האָט
געטאָן די אלטע קייטן אַ צעשמעטער;
און פאַר דיין קבר, ביים גערויש פון יונגע בלעטער,
וועט ציונס טעכטער גיין אַ קאַראַהאָד.

זאב זשאַבאָטינסקי

2. פון "יידנשטאַט"

פּאָרעדע

דער געדאַנק, וועלכן איך פיר־אויס אין דער דאָזיקער שריפט, איז אַן אוראַלטער. ס'איז די אויפשטעלונג פון דער יידישער מלוכה.

די וועלט הילעכט אָפּ פונעם געשריי קעגן די יידן, און דאָס וועקט אויף דעם איינגעדרימלטן געדאַנק.

איך טראַכט נישט אויס גאָרנישט, דאָס זאָל מען קודם כל אין זינען האָבן ביי יעדן פונקט פון מײַנע אויספירונגען. נישט דעם היסטאָריש־געוואָרענעם מצב צו ענדערן. די מאַטעריעלע באַשטאַנד־טיילן פון דעם בוי, וועלכן איך פּראָיעקטיר, זיינען אין דער ווירקלעכקייט פאַראַן, מען קאָן זיי ממש אָנטאַפּן מיט די הענט; יעדער קאָן זיך דערפון איבערצייגן. בכן, אויב מען וויל דעם דאָזיקן פּרווו פון א לייזונג פון דער יידנפראַגע כאַראַקטעריזירן מיט איין וואָרט, טאָר מען אים נישט באַצייכענען אַלס א "פאַנטאַזיע", נאָר העכסטנס אַלס אַ "קאָמבינאַציע".

קעגן דער באַהאַנדלונג אַלס אַן "אוטאָפּיע" מוז איך מיין פּראָיעקט קודם כל פאַרטיידיקן. אייגנטלעך באַשיץ איך דערמיט נאָר די אויבנאויפיקע קריטיקער פאַר א נאַרישקייט, וועלכע זיי וואָלטן געקאָנט באַגיין. כאָטש עס וואָלט נישט געווען קיין שאַנד צו האָבן אָנגעשריבן א מענטשנפריינטלעכע אוטאָפּיע. איך וואָלט געקאָנט דערגרייכן א לייכטן ליטעראַרישן דערפאָלג, ווען איך וואָלט, פאַר לייענער וועלכע ווילן זיך פאַרווילן, דעם דאָזיקן פּלאַן אַרויסגעבן אין דער אומפאַראַנטוואָרטלעכער פאָרם פון א ראָמאַן. אָבער דאָס איז נישט אַזאַ חנעוודיקע אוטאָפּיע ווי די, וועלכע מען האָט אָפט פּראָדוצירט פאַר און נאָך דער צייט פון טאָמאַס מאָרוס. און איך גלויב, אַז די לאַגע פון די יידן אין פאַרשיידענע לענדער איז געגנוג שלעכט, אַז עס איבעריק זיך צו באַנוצן מיט וואָרט־שפּילערייען.

כדי צו מאַכן בולט דעם אונטערשייד צווישן מיין קאָנסטרוקציע און אַן אוטאָפּיע, וויל איך דאָ אָנרופן אַן אינטערעסאַנט בוך פון די לעצטע יאָרן: "פריילאַנד" פון דר. טעאָדאָר הערצקאַ. "פריילאַנד" איז א גייסטרייכע פאַנטאַסטעריי, פון א דורכאויס מאָדערנעם, עקאָנאָמיש־געבילדעטן גייסט אויסגעטראַכט און אזוי ווייט

פונעם לעבן, ווי דאָס איז דער עקוואַטאָר־באַרג אויף וועלכן דער דאַזיקער חלום־שטאַט ליגט. "פריילאַנד" איז א קאָמפּליצירטע מאַשינעריע מיט פיל צייגער און רעדער, וועלכע פּאַסן זיך אפילו אריין איינע אין די אַנדערע; אָבער עס איז נישטאָ קיין שום באַוועגונג, אַז מען קאָן זי לאָזן אין באַוועגונג. און אַפּילו ווען איך זע ווי עס גרינדן זיך פריילאַנד־פאַריינען, מוז איך עס דאָך האַלטן פאַר א שפּאַס.

דאַקעגן דער דאַזיקער פּראָיעקט האָט אין זיך דעם אָנווייז פון א ווירקלעך פּאַראַנענער טרייב־קראַפט. די צייגער און רעדער פון דער מאַשין וואָס דאַרף געבויט ווערן, צייכן איך נאָר אָן מיט דער גאַנצער באַשיידנקייט, אָנווייזנדיק אויף מיין נישט קאָמפּעטענטקייט אין די דאָזיקע פּרטים, און האָפנדיק אז עס וועלן זיך טרעפן בעסערע אויספירנדיקע מעכאַניקער ווי איך בין.

דער עיקר איז די טרייבנדיקע קראַפט. און וואָס איז די דאָזיקע קראַפט? די נויט פון די יידן.

ווער וואָגט צו לייקענען, אַז די דאָזיקע קראַפט איז פאַראַנען? מיר וועלן זיך דערמיט פאַרנעמען אינעם קאַפּיטל איבער די מאָטיוון פונעם אַנטיסעמיטיזם.

מען ווייס וועגן דעם כוח פון פּאַרע וואס איז אנטשטאַנען אינעם טאָפּ דורך דעם זידנדיקן וואַסער, און וואָס האָט אונטערגעהויבן די פּאַקרישקע, און צו וואס פּאַרא אַנטדעקונגען דאָס האָט געפירט. די דאָזיקע דערשיינונג פונעם זידנדיקן טאָפּ וואַסער זיינען די פּאַרשיידענע ציוניסטישע פּרווון און פיל אנדערע פאָרמען פון דער פאַרייניקונג "צום אָפּוועך פונעם אַנטיסעמיטיזם".

נו, זאָג איך, אַז די דאָזיקע קראַפט, ווען מען ווענדעט זי ריכטיק אָן, האָט גענוג מאַכט, א גרויסע מאַשין אָנצוטרייבן, מענטשן און זאַכן צו טראַנספּאָרטירן. די מאַשין מעג אויסזען, ווי מען וויל.

איך בין טיף איבערצייגט, אז איך האָב רעכט, כאָטש איך ווייס נישט, צי וועט מען דאָס אָנערקענען נאָך ביי מיין לעבן. די ערשטע מענטשן, וועלכע וועלן די דאָזיקע באַוועגונג אָנהויבן, וועלן אפשר נישט זען איר רומפולע פאַרענדיקונג. אָבער אַפּילו דורכן בלויזן אָנהייב וועט א געפיל פון שטאָלץ און ראַז גליק פון אינערלעכער פרייהייט דערפילן זייער לעבן.

כדי צו באַשיצן דעם דאָזיקן פּלאַן פאַרן פּאַרדאַכט פון אַן אוטאָפּיע, וועל איך זיין שפּאָרזאַם מיט מאַלערישע פּרטים. סיי ווי רעכן זיך איך דערמיט, אַז געדאַנ־קענלאָזע אָפּשפּעטעריי וועט פּרווון דורך חוזק צונישט צו מאַכן מיין גאַנצן פּלאַן. א זייער קלוגער ייד, וועלכן איך האָב די זאַך פאַרגעלייגט, האָט אויסגעדריקט די מיינונג, אז טאַקע די אַלע פּרטים, וועלכע ווערן פאַרגעשטעלט אַלס די קומענדיקע ווירקלעכקייט, זיינען דער סימן פון אַן אוטאָפּיע. דאָס איז פאַלש. יעדער פינאַנץ־

מיניסטער רעכנט אין זיין בודזשעט מיט צוקונפטיקע ציפערן און נישט בלויז מיט אַזעלכע, וועלכע ער קאָנסטרואירט פון דעם דורכשניט פון פריערדיקע יאָרן און פון הכנסות פון אַנדערע מלוכות, נייערט אויך מיט ציפערן פאַר וועלכע עס איז נישטאָ קיין פריערדיקעביישפילן, באַזונדערס ביי דער איינפירונג פון א נייעם שטייער. נאָר איינער, וואָס האָט נאָך קיינמאָל קיין בודזשעט נישט געזען, וועט, דאָס נישט וויסן. צי וועט מען דערפאַר א פינאַנציעלן געזעץ־פּראָיעקט האַלטן פאַר אַן אוטאָפּיע, אפילו ווען מען ווייסט, אז דער בודזשעט וועט נישט קאָנען דורכ־געפירט ווערן אין אַלע פּרטים?

אָבער איך שטעל נאָך שווערערע פאָדערונגען צו מיינע לעזער. איך פאַרלאַנג פון די געבילדעטע, צו וועלכע איך ווענד מיך, זיי זאָלן איבערטראַכטן, איבער־לערנען א טייל פון זייערע אַלטע השגות, און דווקא פון די בעסערע יידן, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט דער לייזונג פון דער יידנפראַגע. דערוואַרט איך אז זיי וועלן די ביז־איצטיקע פּרווון אָנערקענען אַלס טעותדיקע און אומווירקזאַמע.

אין דער עקספּאָזיציע פון דער אידייע האָב איך צו קעמפן מיט א סכנה. אויב איך וועל וועגן די אַלע זאַכן וואָס ליגן אין דער צוקונפט, רעדן מיט מער איינ־געהאַלטנקייט, וועט עס אויסזען, אַז איך גלויב אַליין נישט אין זייער מעגלעכקייט. וועל איך אָבער אַלץ מיט אַלע פּרטים באַשרייבן, קאָן דאָס אויסזען ווי א פוסטע פאַנטאַזיע.

דערפאַר זאָג איך דייטלעך און פעסט: איך גלויב אין דער מעגלעכקייט פון דער פאַרווירקלעכונג, כאָטש איך רייד מיר נישט איין צו האָבן געפונען די ענדגילטיקע פאָרם פונעם געדאַנק. דער יידישער שטאַט איז א וועלט־באַדערפעניש, דערפאַר וועט ער אַנטשטיין.

אויב א וועלכער עס איז יחיד זאָל די זאַך אונטערנעמען, וואָלט דאָס געווען א משוגעת. אָבער ווען א סך יידן וועלן צושטיין, איז דאָס פּולקאָם פאַרנונפטיק און עס איז נישטאָ קיין שוועריקייטן פאַר דער דורכפירונג. די אידייע איז אָפּהענגיק פון דער צאָל פון אירע אָנהענגער, אפשר וועלן זיך פאַרנעמען מיט דער פאַרשפּרייטונג פון דער אידייע אונדזערע יונגעלייט, פאַר וועלכע עס זיינען שוין איצט אַלע וועגן פאַרשטעלט, בעת אין א יידישער מלוכה וועלן זיין אָפן פאַר זיי אַלע וועגן פון ערע, פרייהייט און גליק.

איך אַליין האַלט, מיט דער פּובליקאַציע פון דער דאָזיקער שריפט, מיין אויפגאַבע פאַר פאַרענדיקט. איך וועל נאָר נעמען א וואָרט ווען אָנגריפן פון קעגנער וואָס וועלן פאַרדינען אַן ענטפער, וועלן מיך דערצו צווינגען, אָדער ווען עס וועט נויטיק

זיין צו ענטפערן אויף נישט פאַרויסגעזעענע קעגן־טענות, און אויסצובעסערן טעותים.

איז אפשר דאָס, וואָס איך זאָג, היינט נאָך נישט ריכטיק? בין איך געגאַנגען פאַרויס פאַר מיין צייט? זיינען די ליידן פון די יידן נאָך נישט גענוג גרויס? מיר וועלן זען.

עס ווענדט זיך דעריבער אין די יידן אַליין, צי די דאָזיקע שטאַטס־שריפט וועט דערווייל זיין נאָר א שטאַטס־ראָמאַן. ווען דער איצטיקער דור איז נאָך טויב, וועט קומען אַן אנדערער, א העכערער, א בעסערער. די יידן וואָס ווילן, וועלן האָבן זייער שטאַט, און זיי וועלן ווערט זיין, אים צו האָבן.

דאָס איבערנעמען פונעם לאנד

די פעלקער וואָס האָבן געוואַנדערט אין די אַלטע צייטן האָבן זיך געלאָזט פונעם צופאַל טראָגן, שלעפן, וואַרפן. ווי מחנות היישעריקן האָבן זיי זיך באַוווסטלאָז ערגיץ אַראָפּגעלאָזט. אין די היסטאָרישע צייטן האָט מען דאָך די ערד נישט געקענט.

די נייע איבערוואַנדערונג פון די יידן וועט אָרגאַניזירט ווערן לויט וויסנשאַפט־לעכע פּרינציפּן.

נאָך מיט עטלעכע און פערציק יאָר צוריק האָט מען זיך פאַרנומען מיט דער גאָלד־גרעבעריי אויף א זייער פּרימיטיוון אופן. וואָס פאַרא אַוואַנטורעס זיינען פאָרגעקומען אין קאַליפאָרניע! אויף א בלויזן קלאַנג זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן אַוואַנטוריסטן פון דער גאַנצער וועלט, פאַרכאַפּט די ערד, צוגערויבט דאָס גאָלד איינער ביים אַנדערן און עס דערנאָך פאַרלוירן פונקט אַזוי אויפן רויבערישן שטייגער.

אָבער היינט! מען דאַרף נאָר א קוק טאָן אויף דער גאָלד־גרעבעריי אין טראַנס־וואַל. נישטאָ מער קיין ראָמאַנטישע באַנדיטן נאָר ערנסטע געאָלאָגן און אינזשעניערן פירן אָן מיט דער גאָלד־אינדוסטריע. זיינע רייך קאָנסטרואירטע מאַשינען טיילן אָפּ דאָס גאָלד פון די דערקענטע מינעראַלן. דאָ בלייבט גאָרנישט פאַרן צופאַל.

אַזוי מוז דאָס נייע יידישע לאַנד ווערן אויסגעפאָרשט מיט אַלע מאָדערנע הילפס־מיטלען און איבערגענומען ווערן אין באַזיץ.

אַזוי ווי דאָס לאַנד וועט פאַר אונדז נאָר געזיכערט ווערן, וועט אָריבערפאָרן די שיף מיט די לאַנד־איבערנעמער.

אויף דער שיף וועלן זיך געפינען די פאַרטרעטער פון דער סאָסייטי, פון דער קאָמפּאַני און פון די אָרטיקע גרופּן.

די לאַנד־איבערנעמער האָבן דריי אויפגאַבעס: (1) די גענויע וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונג פון אַלע נאַטירלעכע אייגנשאַפטן פון דעם לאַנד; (2) די אָרגאַניזירונג פון א שטרענג צענטראַליזירטער אַדמיניסטראַציע; (3) די לאַנד־פאַרטיילונג. די דאָזיקע אויפגאַבן באַרירן איינע די אַנדערע און זיי דאַרפן דורכגעפירט ווערן אין הסכם מיט דעם שוין גענוג באַקאַנטן צוועק.

נאָך איין זאַך איז נאָך נישט קלאָר־געמאַכט: ווי אַזוי דאָס איבערנעמען פון לאַנד זאָל אָרגאַניזירט ווערן לויט אָרטיקע גרופּן.

אין אַמעריקע ווערט די אָקופּאַציע פון א ביז אַהער נישט באַפעלקערט לאַנד דורכגעפירט אויף א זייער פרימיטיוון אופן. די אָקופּאַנטן פאַרזאַמלען זיך ביי דער גרעניץ פון דער טעריטאָריע און אין א באַשטימטן מאָמענט און אַלע מיטאַמאָל, גיבן זיי זיך א לאָז אויף דעם שטח און יעדער פּרווט צו פאַרכאַפּן דעם גרעסטן און בעסטן חלק פאַר זיך.

אינעם נייעם יידישן לאַנד וועט מען אַזוי נישט טאָן. די שטחים אין די פּראָווינצן און שטעט וועלן ליציטירט ווערן. נישט פאַר געלט, נאָר פאַר אַרבעט. לויט אַן אָנגענומענעם פּלאַן וועט פריער פעסטגעשטעלט ווערן, וועלכע וועגן, בריקן, וואַסער־רעגולירונגען עס זיינען נויטיק פאַרן פאַרקער. דאָס וועט באַשטימט ווערן לויט פּראָווינצן. אין יעדער פּראָווינץ וועלן די שטאָטישע באָדן־שטחים אויף א גלייכן אופן ליציטירט ווערן. די אָרטיקע גרופּן נעמען אויף זיך די התחייבות, אַלץ אין אָרדענונג דורכצופירן. זיי דעקן די הוצאות פון אויטאָנאָמע אָרטיקע צוגאָב־שטייערן. די סאָסייטי וועט זיין אין דער לאַגע צו וויסן פון פאָרויס, צי די אָרטיקע גרופּן נעמען נישט אויף זיך צו שווערע לאַסטן. די גרויסע געמיינדעס באַקומען גרויסע פּלעצער פאַר זייער טעטיקייט. גרעסערע קרבנות וועלן באַלוינט ווערן: מיט אוניווערזיטעטן, פאַך און הויכשולן, עקספּערימענטאַלע אינסטיטוטן, וכדומה, און יענע מלוכהשע אינסטיטוטן, וועלכע מוזן נישט זיין אין דער הויפּטשטאָט, וועלן פאַנאַנדערגעטיילט ווערן איבערן גאַנצן לאַנד.

פאַר דער טרייער דורכפירונג פון די אויף זיך גענומענע התחייבותן גאַראַנטירן די אייגענע אינטערעסן פון די נייע באַוווינער, און אין נויטיקן פאַל, די אָרטיקע שטייערן. וואָרים אַזוי ווי מיר קאָנען נישט און ווילן נישט מבטל זיין דעם אונטער־שייד צווישן איינצלנע פּערזאָנען, אַזוי מוז אויך בלייבן דער אונטערשייד צווישן די פאַרשיידענע אָרטיקע גרופּן. אַלץ אָרגאַניזירט זיך אויף א נאַטירלעכן אופן. אַלע דערוואָרבענע רעכט ווערן באַשיצט, יעדע נייע אונטערנעמונג וועט באַקומען גענוג פּלאַץ זיך צו אַנטוויקלען.

די אַלע זאַכן וועלן מיר קלאָר באַקאַנטמאַכן אונדזערע מענטשן.

אַזוי ווי מיר ווילן נישט די אַנדערע דעם וועג פאַרלויפן אָדער באַטריגן, אַזוי ווילן מיר זיך אַליין אויך נישט אָפּנאַרן.

אַלץ וועט לכתחילה באַשטימט ווערן אויף א פּלאַנפולן אופן. ביי דער אויס־אַרבעטונג פון דעם דאָזיקן פּלאַן, וועלכן איך קאָן דאָ נאָר אָנמערקן, וועלן מיט־אַרבעטן אונדזערע שאַרפסטע קעפּ. אַלע סאָציאַל־וויסנשאַפטלעכע און טעכנישע דערגרייכונגען פון דער צייט, אין וועלכער מיר לעבן און דער פּראָגרעסירנדיקער צייט, אין וועלכער עס וועט אויסקומען צו פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן פּלאַן, וועלן דאַרפן באַנוצט ווערן. עס וועלן אויך באַנוצט ווערן אַלע גליקלעכע דערפינדונגען, וועלכע זיינען שוין דאָ און די וואָס וועלן נאָך קומען. אָט אַזוי וועט קענען פאַר־ווירקלעכט ווערן די איבערנאַמע פון א לאַנד און די גרינדונג פון א שטאַט לויט פאָרמען וואָס האָבן נישט קייןביישפּיל אין דער מענטשלעכער געשיכטע און מיט ביז איצט נאָך נישט געזעענע דערפאָלג־מעגלעכקייטן.

(יידיש: א. ל. שוסהיים)

באַזעלער פּראָגראַם

דער ציוניזם שטרעבט אויפצושטעלן פאַרן יידישן פאָלק אַן עפנטלעך־רעכטלעך געזיכערטע היים אין ארץ־ישראל. בכדי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל, האָט דער קאָנגרעס בדעה אָנצונעמען פאָלגנדיקע מיטלען:

1. פערמאַנענטע אַנטוויקלונג פון ארץ־ישראל דורך באַזעצן יידישע אַרבעטער, בעלי־מלאכות און אַנדערע פאַכלייט;

2. אַרגאַניזירונג און פאַראייניקונג פון אַלע יידן אין געהעריקע אָרטיקע און אַלגעמיינע אינסטיטוציעס, אין הסכם מיט די לאַנד־געזעצן;

3. פאַרשטאַרקן דאָס נאַציאָנאַלע געפיל און דעם יידישן פאָלקס־באַוווסטזיין;

4. פירן א צוגרייטונגס־אַרבעס צו באַקומען די נויטיקע הסכמה פון די רעגי־רונגען, כדי צו דערגרייכן דעם ציוניסטישן ציל.

3. בריוו צום באַראָן הירש

(פאַר דער פובליקאַציע פון "יידנשטאַט")

פאַריז, אָנהייב מאַי 1895

צום באַראָן מאָריס פאָן הירש, פאַריז

זייער חשובער הער!

ווען וועל איך האָבן דעם כבוד אייך צו באַזוכן? איך האָב געוואָלט מיט אייך שמועסן וועגן יידישן פּראָבלעם. דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן א זשורנאַליסטישן אינטערוויו און אויך נישט וועגן א באַהאַלטענער אָדער אָפענער געלט-טראַנזאַקציע. מיר שיינט, אַז איר זענט צופיל פאַטיגירט, אַז עס איז אוממעגלעך נישט צו מאַכן די הקדמה כדי צו פאַרהיטן נישט-ריינע השערות. איך וויל בלויז שמועסן מיט אייך א פּאָליטיש-יידישן געשפּרעך, פון וועלכן עס וועט מעגלעך מיט דער צייט עפּעס אַרויסקומען, ווען סיי איך סיי איר וועלן שוין נישט לעבן.

איך וואָלט דעריבער געוואָלט איר זאָלט באַשטימען פאַר אונדזער באַגעגעניש א טאָג אין וועלכן איר זאָלט קענען אומגעשטערט ווידמען א שעה-צוויי דעם דאָזיקן ענין. צוליב מיין געוויינלעכער באַשעפטיקונג, וואָלט פאַר מיר די באַקוועמסטע צייט געווען א זונטיק. דאָס מוז אָבער נישט זיין דעם נאָענטסטן זונטיק. עס קען זיין ווען איר ווילט.

די זאַך צו וועלכער איך באַצי זיך וועט אייך אינטערעסירן. אָבער הגם איך מערק אייך דאָ וייניק אָן, וויל איך פונדעסטוועגן איר זאָלט מיין בריוו נישט וויזן אייערע מענטשן — סעקרעטאַרן אדג"ל, באַוויליקט דאָס צו האַלטן בסוד.

אפשר איז מיין נאָמען אייך שוין באַקאַנט, אַלענפאַלס קענט איר די צייטונג וועמענס היגער פאַרשטייער איך בין.

מיט גרויס כבוד, דער איבערגעגעבענער ד"ר הערצל,
קאָרעספּאָנדענט פון די "נייע פרייע פּרעסע"

פּאַריז, 24טער מאַי 1895

צום באַראָן מאָריס פאָן הירש, פּאַריז.

זייער חשובער הער!

איך באַדויער זייער וואָס מיר האָבן זיך נישט געקענט טרעפן [1].

אָנצושרייבן, וואָס איך האָב אייך געוואָלט זאָגן, איז נישט קיין לייכטע זאַך. איך וויל אויסמיידן דרויסנדיקע צופאַלן, וואָס קענען פּאַסירן מיט א בריוו. מיינע כוונות וואָס דינען א ווייטיקן ציל, קענען אַמאָל פאַרשוועכט ווערן דורך פּוסטער נייגערי־קייט אָדער וועלן פאַרניכטעט ווערן דורך אַן אומפאַרשטענדעניש מצד צופעליקע מענטשן, וואָס וועלן זיך דערפון דערוויסן. אויך קען מיין בריוו אַריינפאַלן צו אייך אין האַנט אין א מאָמענט ווען איר וועט זיין פאַרנומען מיט אַנדערע ענינים, און איר וועט אים לייענען נישט מיט קאָנצענטרירטער אויפמערקזאַמקייט. ווען איר וואָלט געהייסן מיר ענטפערן דורך אייער סעקרעטאַר דעם העפלעכן נוסח prise en considération [2], וואָלט איך זיך באַטראַכט ווי באַזייטיקט אויף אייביק, און דאָס וואָלט אפשר געווען באַדויערונגס־ווערט צוליבן אינטערעס פון כלל.

פונדעסטוועגן שרייב איך אייך. איך בין אָבער אין דעם מאָמענט צופיל פאַר־נומען. איך זאָל קענען שרייבן קורץ, ווי עס זאָגט אַן אַלט ווערטל. איך וואָלט ווירקלעך נישט געוואָלט אייך פאַרנודיען מיט גרויסע און גראַנדיעזע פאַר־האַנדלונגען [3]. איך וועל אייך דערלאַנגען, אויב איך וועל נאָר האָבן צייט, דעם פּראָגראַם פון א נייער יידישער פּאָליטיק.

דאָס וואָס איר האָט ביז איצט געטאָן, איז געווען גרויסמוטיק אָבער טעותדיק... ביז איצט זענט איר בלויז געווען א פילאַנטראָפּ, א פּיבאָדי [4], איך וויל אייך ווייזן דעם וועג ווי איר קענט זיין עפּעס מער.

מיינט נישט, אַז איך בין א פּראָיעקטן־מאַכער אָדער א נאַר אין א נייעם נוסח, הגם דער אופן אין וועלכן איך שרייב אייך איז אַביסל אַנדערש ווי געוויינלעך. איך אָנערקען לכתחילה די מעגלעכקייט, אַז איך מאַך א טעות און בין גרייט צו הערן קעגנמיינונגען.

איך דערוואַרט נישט, אַז איך וועל אייך באַלד איבערציינגן, ווייל איר דאַרפט

---

[1] באַראָן הירש האָט הערצלען מיטגעטיילט דעם 20טן מאַי פון לאָנדאָן, אַז ער האָט דערהאַלטן זיין בריוו און וועט צוריקקומען קיין פּאַריז ערשט נאָך צוויי חדשים, איז אפשר וועט הערצל דערווייל אים קענען אויפקלערן אין א בריוו, וואָס ער האָט אים געוואָלט זאָגן בעל־פּה.

[2] בערך: "גענומען צו קענטעניש".

[3] אין אָריגינאַל grossmachtigen.

[4] George Peabody, א באַקאַנטער ענגליש־אַמעריקאַנישער נדבן, וואָס איז אין זיינער צייט באַטראַכט געוואָרן אַלס גרעסטער פילאַנטראָפּ.

דאָך אויפסניי טראַכטן און ענדערן א ריי אייערע ביז איצטיקע מיינונגען. איך וויל אָבער פון אייך בעטן, הגם איך בין פאַר אייך, ווי איך פאַרשטיי, אַן אומבאַקאַנטער מענטש, די פולסטע אויפמערקזאַמקייט. אין א געשפרעך וואָלט איך אייך אַוודאי געווינען, אין א בריוו־אויסטויש איז דאָס שווערער. מיין בריוו ליגט אויף אייער טיש צווישן פיל אַנדערע און איך מיין אַז איר באַקומט טאָג־טעגלעך בריוו פון געגנוג פּאַראַזיטישע קבצנים, סימולאַנטן און צדקה־פאַבריקאַנטן. דעריבער וויל איך מיין בריוו זאָל ליגן אין א צווייטן קאָנווערט מיטן אויפשריפט: ד״ר הערצל. דאָס וועל איך אייך בעטן אַוועקלייגן אין א זייט און עפענען נאָר ווען איר וועט זיין פריי און האָבן א רואיקן קאָפּ, געני ווי איך האָב געבעטן מכות אונדזער נישט־פאַרגעקומענעם געשפרעך.

מיט גרויס אַכטונג,

דער איבערגעגעבענער ד״ר הערצל

פּאַריז, 3טער יוני 1895

צום באַראָן מאָריס פאָן הירש, לאָנדאָן.

זייער חשובער הער!

כדי צוצוגרייטן זיך צום esprit de l'escalier, האָב איך מיר געמאַכט פאַר־צייכענונגען, איידער איך בין געגאַנגען צו אייך.

צוריקקומענדיק אַהיים האָב איך געזען, אַז מ׳האָט מיך אָפּגעשטעלט און בין געבליבן שטיין אויף זייט 6, און איך האָב געהאַט 22 זייטן. צוליב אייער אומ־געדולדיקייט האָט איר זיך באַקענט בלויז מיטן אָנהייב; וווּ און וויאַזוי דער געדאַנק האָט אָנגעהויבן צו בליען, דערמיט האָט איר זיך שוין נישט באַקענט.

עס מאַכט נישט אויס. ערשטנס דערוואַרט איך נישט מיין מיינונג זאָל באַלד אָנגענומען ווערן. צווייטנס — מיין פּראָגראַם איז נישט אויסגעשטעלט בלויז אויף אייערע צוויי אויגן.

אמת — לשם קורצקייט וואָלט איך זיך באַנוצט מיט אייער ווילן אַלס שוין פאַראַנענער און באַקאַנטער כוח. איר וואָלט אָבער בלויז געווען דער כוח מיט וועלכן איך וואָלט אָנגעהויבן. פאַראַן נאָך אַנדערע. פאַראַן סוף כל סוף און קודם כל יידישן מאַסן, צו וועלכע איך וועל וויסן צו געפונען דעם וועג.

דאָס דאָזיקע פאָלק איז א גרויסמאַכט. איר וועט זיך דערין איבערצייגן אויב איך וועל לעבן און זיין געזונט — א באַוואָרעניש וואָס אויך איר אַליין מוזט מאַכן אין אייער ווערק.

איר זענט א גרויסער יידישער מאַגנאַט, איך בין א יידישער גייסט־מענטש. פון דאַנען נעמט זיך דער אונטערשייד פון אונדזערע מיטלען און וועגן. נעמט אַכט, אַז איר האָט נאָך גאָרנישט געקענט הערן וועגן מיינע פּרוּוון, ווייל מיין ערשטער פּרווו מאַך איך ביי אייך. איך קום.

די פאָן

אויפן באַפעל פון אונדזער מנהיג הערצל, בין איך געקומען קיין באַזעל כדי צו מאַכן אַלע הכנות צום קאָנגרעס, צו פאַרזיכערן זיין דערפאָלג און נישט געבן קיין פּתחון־פּה די קעגנער. צווישן די פיל פראַגן, וואָס האָבן אונדז געמאַטערט איז געווען איין פראַגע, נישט קיין גרויסע אָבער אויך נישט קיין לייכטע — געוועזן דעריין עפּעס פון גרויסן יידישן פּראָבלעם. מיט וואָס פאַרא פאָן וועלן מיר באַצירן דעם קאָנגרעס־זאַל? פון וואָס פאַרא פאַרב? קיין פאָן האָבן מיר דאָך נישט. דער געדאַנק האָט מיך זייער געפּייניקט. מ׳דאַרף שאַפן א פאָן אָבער וואָס פאַרא פאַרבן זאָלן מיר אויסקלייבן? איז אונדזער פאָלק עלול אונטערצושיידן פאַרבן, אונדזער פאָלק איז דאָך געוואָרנט נישט צו זעטיקן דאָס אויג מיט קיין שום געשטאַלט און אָפּבילד?

און אָט האָט א בליץ געטאָן א געדאַנק אין מיין מוח: מיר האָבן דאָך א פאָן, א בלוי־ווייסע פאָן. דער טלית אין וועלכן מיר הילן זיך איין ביים דאַווענען — דער טלית איז דאָך אונדזער סימבאָל. מיר וועלן אים ארויסנעמען פון דער שייד און אים פונאַנדערוויקלען פאַר די אויגן פון יידישן פאָלק און פון אַלע פעלקער. און אַזוי האָב איך באַשטעלט א בלוי־ווייסע פאָן אויפגעצייכנט מיט א מגן דוד. אַזוי איז געבוירן געוואָרן אונדזער נאַציאָנאַלע פאָן, וואָס פלאַטערט איבערן קאָנגרעס־זאַל. קיינער האָט זיך נישט געוווּנדערט און געפרעגט: פונוואַנען און וויאַזוי קומט אָט די פאָן אונדזערע.

(דוד וואָלפסאָן)

4. אַזוי האָט געזאָגט הערצל

פון זיינע ווערק און טאָגבוך

✶ אין יענע טעג האָב איך זייער אָפט מורא־געהאַט, אַז איך וועל אַראָפּ פון זינען. אַזוי זיינען אין מיר ארומגעלאָפן א מאַסע אויפטרייסלענדיקע געדאַנקען.

א גאַנץ לעבן פון א מענטש איז נישט גענוג כדי אַלץ צו רעאַליזירן.

איך לאָז אָבער נאָך זיך איבער א גייסטיקע צוואה. וועמען? אַלע מענטשן.

✶ צוליב אונדזערע צרות האָבן מיר וועגעטירט און עס האָט זיך געענדערט אונדזער אייגנשאַפט, וואָס איז אַמאָל געווען פול מיט שטאָלץ און פּראַכט. מיר זיינען דאָך געווען גבורים, וואָס האָבן געוווסט ווי צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד אין שלאַכט, און אוודאי זיינען מיר געווען א פאָלק מיט גרויסע פעיקייטן, אויב אין משך פון צוויי טויזנט יאָר האָט מען אונדז געשלאָגן און נישט געקענט פאַרניכטן.

✶ די מאָדערנע קאָמוניקאַציע וואָס דערנענטערט אַזוי די פעלקער אין אַזאַ גרויסער מאָס, האָט פאַרענדערט צום שלעכטן דעם פּאָליטישן און סאָציאַלן מצב פון יידן. דער ייד איז געוואָרן מער נע־ונד. דורכדעם איז ער אומגליקלעכער, פאַר־האַסטער מער ווי אין אַלע אַנדערע צייטן.

✶ געבילדעטע און פאַרמעגנלאָזע יידן פאַלן איצט אַלע אין די אָרעמס פון סאָציאַליזם. דער סאָציאַלער קאַמף מוז דעריבער אין יעדן פאַל פאָרקומען איבער אונדזערע ביינער, ווייל סיי אין לאַגער פון די קאַפּיטאַליסטן סיי אין סאָציאַליסטישן לאַגער, שטייען מיר אויף די געפערלעכסטע פונקטן.

✶ אונדזער שלעכטע און נאַרישע טבע איינעם דעם אַנדערן צו מאַכן צו שפּאָט, איז אַן איבערבלייבעניש פון די קנעכטשאַפט־געוווינשאַפטן, וועלכע מיר האָבן זיך פאַראייגנט אין משך פון הונדערטער יאָרן אונטערדריקונג. א פרייער מענטש זעט נישט קיין שום לעכערלעכע זאַך ביי זיך און דערלויבט אויך קיינעם נישט אים אויסצושטעלן צו געלעכטער.

✶ איך אַליין בין געווען אַן אַסימילירטער ייד און איך רעדט פון דערפאַרונג. יידן האָבן א נאַטירלעכע נייגונג צו אַסימילירן זיך. דאַן קומט א מאָמענט, ווען זיי זיינען אויפן בעסטן וועג, און דווקא אין דער רגע ווערט געבוירן דער אַנטי־סעמיטיזם.

* אַסימילאַציע איז דערוועדבונג פון א באַזע און כבוד אין איינע פון די לענדער. דאָס צורויבן דעם גרונט אין די נידעריקע שטאַפּלען און דאָס באַרויבן דעם כבוד אין העכערע שטאַפּלען — אָט דאָס מאַכט דעם ייד דאָס וואָס ער איז.

* איך פּרוּוו באַזיגן דעם אַנטיסעמיטיזם דאָרט ווו ער איז געבוירן געוואָרן און ווו עס איז זיין הויפּט־רעזידענץ: אין דייטשלאַנד. די יידנפראַגע איז אין מיינע אויגן זייער ערנסט. דער וואָס מיינט, אַז דאָס העצן קעגן יידן איז א פאַרבייגייענדיקע "מאָדע", מאַכט א גרויסן טעות. צוליב טיפע סיבות מוז דאָס ווערן וואָסאַמאָל ערגער, ביז א רעוואָלוציע, וואָס מ׳קען נישט אויסמיידן.

* ווייל טיף אין גייסט פון פאָלק זיינען פאַרפלאַנצט אַלטע פאַראורטיילן קעגן אונדז. ווער עס וויל זיך אָפּגעבן וועגן דעם א חשבון האָט נישט קיין אַנדער ברירה ווי צו הערן דאָרט ווי דאָס פאָלק דריקט פשוט אויס, וואָס עס ליגט אים אויפן האַרץ: די לעגענדע און דער פאָלקס־אַפאָריזם זיינען אַנטיסעמיטיש.

* אומזיסט זיינען מיר טריי דאָס לאַנד און אין א ריי ערטער זיינען מיר אויך באַגייסטערטע פּאַטריאָטן אין אַן איבערגעטריבענער מאָס, אומזיסט ברענגען מיר די זעלביקע קרבנות מיט פאַרמעגן און לעבן ווי אונדזערע שכנים, אומזיסט באַמיען מיר זיך צו פאַרגרעסערן דעם כבוד פון אונדזערע געבוירנלענדער מיט קונסט און וויסנשאַפט, און צו פאַרגרעסערן זייער רייכטום מיט האַנדל און פאַרקער.

* איז נישטאָ קיין שום רעטונג? — יאָ, פאַראַן א רעטונג, די וואָס איז אַמאָל געווען. מ׳דאַרף צוריקקומען צו א זאַך, וואָס איז זייער אַלט, זייער געלויבט, זייער קאָנטראָלירט און דערפאָרן — אָבער אין אַנדערע פיל מאָדערנערע און פרעציזערע פאָרמען. אַלע מיטלען פון דער קעגנוואַרט דאַרף מען אָנווענדן כדי צו באַנוצן זיך מיט זיי פאַרן פשוטן אַזוי לייכט־פאַרשטענדלעכן ציל. יציאת מצרים איז א פשוטע און אַלטע זאַך.

* א פאָלק זיינען מיר, איין פאָלק. דער שונא מאַכט אונדז פאַר אַזאַ קעגן אונדזער ווילן, ווי מיר וואָלטן דאָס תמיד געווען אין דער געשיכטע. אין א נויט־צייט שטייען מיר צוזאַמען און אַנטפּלעקן פּלוצים אונדזער כוח.

* דער ציוניזם ווי איך פאַרשטיי אים, אַנטהאַלט נישט בלויז די שטרעבונג צו א געזיכערטן גליקלעכן היימלאַנד־באָדן אַלס געזעץ פאַר אונדזער פאָלק, נאָר אויך די שטרעבונג צו מאָראַלישער און גייסטיקער עקספּאַנסיע.

* אויפציטערן און אויפטרייסלען דאָס יידישע פאָלק און נישט לאָזן עס איינדרימלען — דאָס איז געווען א נויטווענדיקע זאַך. און ווירקלעך האָט דאָס פאָלק דערוואַכט, אויסגעגלייכט די אברים, אַריין אין באַוועגונג — אָט דאָס רופן מיר אַן ציוניזם.

✶ ציוניזם איז נישט קיין פּאַרטיי. מ׳קען צו אים קומען פון אַלע פּאַרטייען גענוי ווי ער נעמט אַרום אַלע פּאַרטייען אין לעבן פון פאָלק. ציוניזם איז דער יידישער כוח אונטערוועגנס.

✶ פון א פּאַרטיי קען מען ארויסטרעטן נאָך דעם ווי מ׳האָט צו איר געהערט; פון א פאָלק קען מען אָבער נישט אַרויסטרעטן, ווייניקסטנס כל־זמן עס געפינט זיך אין א צרה. דאָ דאַרף יעדער איינער אײַלן צום פאָן, אפילו ווען ער געפינט זיך אין ווייטע וועלט־עקן.

✶ דאָס איז טאַקע דער גרעסטער רעזולטאַט פון קאָנגרעס: עס האָט זיך אַנט־פּלעקט, אַז דער נאַציאָנאַלער געדאַנק פון יידנטום פאַרמאָגט א כוח וואָס פאַר־אייניקט, שמידט צוזאַמען אין איין בלאָק די אַלע מענטשן וואָס אונטערשיידן זיך שפּראַכלעך, סאָציאַל, פּאָליטיש און רעליגיעז, און פאַרוואַנדלט זיי אין איין וועזן. אין דעם האָט מען ביז איצט אַבסאָלוט געלייקנט, און דווקא דאָס איז באַוויזן געוואָרן אין באַזעל אויפן גלענצענדיקסטן אופן. ברידער האָבן זיך צוריק אָפּגעפונען.

✶ איך מיין, אַז לטובת אונדזער ענין וועט גוט זיין ווען די ענגלענדער וועלן זיין געצווינגען צו פאַרלאָזן עגיפּטן. דען דעמאָלט וועלן זיי דאַרפן, צוליבן מאַנגל פון זיכערקייט אין סועץ־קאַנאַל, זוכן אַן אַנדערן וועג קיין אינדיע. דאָ וועט דאָס יידישע און מאָדערנע ארץ־ישראל דינען אַלס אויסוועג — א באַן־ליניע פון יפו ביזן פּערסישן גאָלף.

✶ אין 50 יאָר אַרום, זאָגט דעסויער, וועט א יידישע מדינה זיין א רעאַליטעט. ער האַלט, אַז זי וועט זיין א גרויסע מדינה ווייל ווי עס ווייזט דער בײַשפּיל פון ענגלאַנד, הענגט נישט אָפּ דער כוח אין דער צאָל בירגער נאָר אין זייער בילדונג.

✶ הײַנט האָב איך געלייענט די בראָשור "אויטאָעמאַנציפּאַציע", וואָס עס מיר געגעבן בלאָך. אַן איבערראַשנדיקע קאָאָרדינאַציע אין פּאָלעמיש־קריטישן טייל און גרויסע ענלעכקייט אין קאָנסטרוקטיוון טייל. א שאָד, וואָס איך האָב די בראָשור נישט געלייענט איידער איך האָב אָפּגעגעבן מײַן בוך צום דרוק. און ווידער איז גוט, וואָס איך האָב דאָס נישט געקענט — קען זיין אַז איך וואָלט זיך צוריקגעצויגן פון גאַנצן ענין.

✶ ווונדערלעך, אַז אין דער זעלבער צייט ווען אין דער גאַנצער וועלט גלייבט מען אין דער גרייטקייט פון ענגלאַנד צו האַלטן עגיפּטן פאַר יעדן פּרייז, האָט זיך ביי מיר דערוועקט דאָס געפיל בעת איך בין געוועזן ביי סער טאָמאַס, אַז זיי האַלטן נישט, אַז זייער פּאָזיציע איז דאָרט אַזוי פעסט און זעען זי ווי א צייטווייליקע זאַך.

✶ נעכטן מיטאָג בין איך געוועזן ביי טשעמבערליין. ער האָט מיך אויפגענומען מיט סימפּאַטיע ווי אַן אַלטן פריינט. "איך האָב בעת מיין רייזע געזען א לאַנד פאַר

איך — האָט געזאָגט דער גרויסער טשעמבערליין — ״דאָס איז אוגאַנדאַ. אויפֿן ברעג ים איז דאָרט וואַרעם אָבער ווען פֿאָרט טיף אין לאַנד אריין, איז אַן אויס־געצייכנטער קלימאַט אויך פֿאַר איראָפּעער. באַלד האָב איך זיך געטראַכט, דאָס איז דאָך א לאַנד פֿאַר ד״ר הערצל. יענער וויל אָבער נישט אינערגעץ גייען נאָר קיין פּאַלעסטינע אָדער אין שכנות פֿון איר״.

✶ אין איין מאָמענט איז דער גוטער, אַלטער פּרינץ (פֿרידריך פֿון באַדן) געווען טיף גערירט, ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז מיר וועלן מוותר־זיין אויף דער גוטער מדינה אין מזרח־אַפֿריקע לטובת דער שלעכטער מדינה אין ארץ־ישׂראל.

✶ געווען אויך אַנדערע מאָמענטן וואָס דערוועקן דאָס האַרץ און רירן אָן די טיפֿענישן פֿון דער נשמה, ווי למשל דאָס אָנקומען אין דער הייליקער שטאָט ירושלים אין א לבנהדיקער נאַכט. אָט זיינען בולט די שטריכן ארומגערינגלט מיט א זילבערנעם קראַנץ פֿון די אַלטע מויערן, וואָס הייבן זיך צום הימל. מיט איין מאָל איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז חוץ די מיסטישע בענקשאַפֿטן, האָט אוודאי אויך געצאַפּלט אַן ערדישע ליבשאַפֿט אין די אַלטע תּפֿילות פֿון דעם ייד צוריקצוקערן קיין ציון און ירושלים. דאָס איז געווען א פּרעכטיקע שטאָט וואָס ליגט אויף די בערג פֿול מיט שטאָלץ. מיר האָבן געטראַכט אַז ירושלים וועט ווידער קענען ווערן שיין און פּרעכטיק אין די צייטן, וואָס מיר גרייטן צו.

✶ מיר גלייבן אָבער, אַז דאָס דאָזיקע ווייסטע ווינקעלע פֿון מזרח וועט נישט בלויז זיין עבר נאָר אויך צוקונפֿט, גענוי ווי מיר גופֿא. דער דאָזיקער באָדן וואָס שפּראָצט איצט לגמרי נישט, האָט דאָך ארויסגעגעבן אידעען פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט. — אויב עס זיינען בכלל פֿאַראַן תּביעות אויף א שטיקל לאַנד אויף דער ערד, איז מן הדין, אַז אַלע פֿעלקער וואָס גלייבן אין תּנ״ך, זאָלן אַנערקענען די יידישע רעכט אויף דעם לאַנד.

✶ אין דעם טאָג ווען מיר וועלן באַקומען דאָס לאַנד אין ווען מיר וועלכעס נויטיקן זיך, וועלן מיר עס גיך באַדעקן מיט קולטור, מיט באַן־וועגן, טעלעגראַף, טעלעפֿאָן, פֿאַבריקן, מאַשינען, און קודם כּל מיט יענע סאָציאַלע רעפֿאָרמען, צו וועלכע עס שטרעבט היינט אַזוי שטאַרק יעדער דערהויבענער מענטש געגוי ווי ער שטרעבט צו שנעלקייט פֿון קאָמוניקאַציע, קולטיווירונג פֿון קונסט און וויסנשאַפֿט פֿאַר דער באַקוועמלעכקייט פֿון לעבן.

✶ מיר אַליין ווילן אין יידישן לאַנד זיך באַנוצן מיט אַלע נייע עקספּערימענטן און זיין א מוסטער, און געגוי ווי מיטן זיבנשעהדיקן אַרבעטס־טאָג מאַכן מיר אַן עקספּערימענט לטובת דער גאַנצער מענטשהייט, אַזוי ווילן מיר זיין די ערשטע בנוגע אַלע ענינים, וואָס האָבן א שייכות צו מענטשן־ליבע און פֿאָרצושטעלן דאָס נייע לאַנד ווי א לאַנד פֿון עקספּערימענט און מוסטער.

✶ א נאַציע איז א היסטאָרישער קאָלעקטיוו פון מענטשן וואָס געהערן איינער צום אנדערן אין א קענטיקער מאָס און זיינען באַהאַפטן צוזאַמען דורך א געמיינזאַמען שונא.

✶ אפשר א ווייסע פאָן מיט זיבן גאָלדענע שטערן. די ווייסע קאָנווע באַדייט אונדזער ניי און ריין לעבן. די שטערן זיינען די שעהען פון אונדזער אַרבעט. אין צייכן פון אַרבעט זיינען מיר עולה קיין ארץ־ישראל.

✶ קיין שום זאַך האַלט אונדז נישט אָפּ פון זיין די טרעגער פון דער הומאַניסטישער אידעע אויף אונדזער אייגענער ערד. פאַר דעם ציל מוזן מיר נישט זיצן צווישן די פעלקער, וואָס האָבן אונדז פיינט און גרינגשעצן אונדז.

✶ אויך מיר ווילן זיך באַטייליקן אין דער אויסבעסערונגס־אַרבעט פון אלגעמיינעם מצב — אָבער אַלס יידן און נישט אַלס סתם מענטשן, און דאס וואָס מיר וועלן דעמאָלט מאַכן אלס יידן וועט אונדז פאַרעכנט ווערן אויך מיט כבוד.

✶ מיר וועלן אין איינעם א טאָג דערגרייכן דעם ציל — מיר האָפן דערויף מיט אונדזער גאַנצן מוט — און דאַן וועלן מסתמא פאַרגעסן ווערן מיט איין מאָל אַלע סטאַציעס אויפן וועג, אַלע פאַרפאַלן וואָס האָבן געטראָפן אין צווישנצייט, אַלע דערוואַרטונגען און דאגות וואָס האָבן אויסגעפילט אונדזער לעבן אין משך פון לאַנגע יאָרן.

✶ אויך די אַלע וואָס שטורמען און זידלען אונדז וועלן קעגן זייער ווילן מוזן קומען, און אויב זיי וועלן נישט מורא האָבן פאַר קיין שום זאַך, וועלן זיי סוף כל סוף קאַפּיטולירן אין אָנבליק פון די פאַקטן.

✶ פון וואַנען נעמט זיך קרעדיט־פעיקייט פון א האַנדלסהויז? דורך דערפילן די חובות, וואָס זיינען אויף אים געלעגן אין דער פאַרגאַנגענהייט, אַרבעטספעיקייט אין דער קעגנוואַרט און צוקונפט. דעריבער איז נויטיק צו באַפעסטיקן די קרעדיט־פעיקייט פון ידישן פאָלק און באַוויזן אז ער איז מסוגל דערצו, דורך דעם וואָס מיר גלייבן אין זיך, וואָס מיר גלייבן אין אונדזער צוקונפט. אויב מיר וועלן דאָס באַווייזן וועלן מיר אויך קענען אָנווייזן אויף דער פאַרגאַנגענהייט פון דעם הויז. ווו זיינען די אַנדערע פעלקער וואָס זיינען צוזאַמען מיט אונדז ארויף אויף דער אַרענע פון דער געשיכטע? זיי זיינען פאַרשווינדן! איין פאלק עקזיסטירט נאָך און מיר דאַרפן אים צוהעלפן באַקומען דעם קרעדיט: דאָס איז דאָס הויז פון ישראל.

✶ איך מיין, אַז יידן וועלן תמיד האָבן געגנוג שונאים, געננוי ווי יעדעס אַנדערע פאָלק. ווען מיר וועלן אָבער זיצן אויף אונדזער ערד, וועלן מיר שוין קיינמאָל נישט קענען זיין צעשפּרייט און צעזייט איבער אַלע עקן וועלט.

5. לידער צום רעציטירן

ביי די טייכן פון בבל

ביי די טייכן פון בבל,
דאָרטן זיינען מיר געזעסן און געוויינט,
אַז מיר האָבן זיך דערמאָנט אין ציון.
אויף די ווערבעס וואָס אין איר
האָבן מיר אויפגעהאָנגען אונדזערע האַרפּעס ;
וואָרעם דאָרטן האָבן אונדזערע פאַנגער
פאַרלאַנגט פון אונדז ווערטער פון געזאַנג,
און אונדזערע פּייניקער, פריילעכקייט :
זינגט אונדז פון דעם געזאַנג פון ציון.
ווי זאָלן מיר זינגען דאָס געזאַנג פון גאָט
אויף פרעמדער ערד ?

אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים,
זאָל מיין רעכטע האַנט זיך פאַרגעסן (צו רירן).
זאָל צוגעקלעפּט ווערן מיין צונג צו מיין גומען,
אויב איך וועל דיך נישט געדענקען,
אויב איך וועל דיך נישט דערמאָנען, ירושלים,
אויף מיין העכסטער שמחה.

געדענק, גאָט, די קינדער פון אדום
דעם טאָג פון ירושלים ;
די וואָס האָבן געזאָגט : וואַרפט איין,
וואַרפט איין ביז צום גרונט אין איר.
טאָכטער בבל, דו אָנגעברייטע צו פאַרוויסטונג,
ווויל צו דעם וואָס וועט דיר אָפּצאָלן

דיין טואונג וואָס דו האָסט אונדז געטאָן;
ווייל צו דעם וואָס וועט אָננעמען און צעהאַקן
דיינע קליינע קינדער אין פעלדז.

(תהילים קל״ז)

און איך וועל אייך צונויפנעמען פון די פעלקער,
און וועל אייך איינזאַמלען פון אַלע לענדער,
און איך ברענגען אויף אייער ערד.

(יחזקאל ל״ו)

ווען איך זאַמל איין דאָס הויז פון ישראל
פון די אומות וואָס זיי זיינען צעשפּרייט געוואָרן צווישן זיי,
וועל איך געהייליקט ווערן דורך זיי
אין די אויגן פון די פעלקער,
און זיי וועלן זיצן אויף זייער ערד...
און זיי וועלן זיצן אויף איר אין זיכערקייט,
און זיי וועלן בויען הייזער, און פלאַנצן וויינגערטנער.

(יחזקאל כ״ח)

איך וועל געבן אין מדבר צעדער,
אַקאַציע און מירט, און איילבוים;
איך וועל איינזעצן אין דער וויסטע ציפּרעס,
טענענבוים און בוקסנבוים אין איינעם.

ישעיהו, מ״א

ביים אָנהייב פון וועלט־באַשאַף האָט גאָט זיך תחילת פאַרנומען בלויז מיט פלאַנצונגען. אויך איר, ווען איר קומט קיין ארץ ישראל, זאָלט איר זיך פאַרנעמען צוערשט מיט פלאַנצונגען.

געגנוי ווי אַנדערע האָבן געפלאַנצט פאַר אייך, אַזוי פלאַנצט איר פאַר אייערע קינדער.

אויב דו האָסט געהאַלטן ביי פלאַנצן און מ׳זאָגט דיר: משיח איז געקומען — קום און פלאַנץ די פלאַנצונג, און דערנאָך גיי אים אַרויס מקבל־פּנים זיין.

פון תלמוד

ווײל איז דאָס שוועבעלע

ווײל איז דאָס שוועבעלע וואָס איז פֿאַרברענט געוואָרן און געצונדן פֿלאַמען,
ווײל איז דעם פֿלאַם וואָס האָט געברענט אין די פֿאַרבאָרגענישן פֿון הערצער,
ווײל זײַנען די הערצער וואָס האָבן געוווּסט אויפֿצוהערן מיט כּבֿוד...
ווײל איז דאָס שוועבעלע וואָס איז פֿאַרברענט געוואָרן און געצונדן פֿלאַמען.

חנה סענעש

צום אָנדענק פֿון די 35

זע ווי מיר ליגן א שורה א לאַנגע, א לאַנגע,
מיט פֿנימער פֿרעמדע, און טויט אין די בליקן, מיט ברוסטן אָן אָטעם.
די טאָג־שײַן ציט אויס איר נשמה, דער אָוונט אין בערג נעמט פֿאַרגײן מער.
מיר ווילן דאָ מער שוין נישט אויפֿוועקן שטיל־צאַרטע קלאַנגען,
נישט אויפֿשטײן שוין מער דאָ צו שפּאַנען אין זונפֿאַרגאַנג־שאָטן,
נישט ליגן אין גערטנער, ווען ווינטן צעשורשען די ביימער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נישט פֿאַראַטן מיר האָבן, ס׳געווער איז צום אַקסל פֿאַרדריקט,
עס גליט נאָך די רער, און קײן אײנציקע קויל איז נישטאָ מער,
דערשפּירט אונדזער בלוט איז אויף וועגן און שטעגן פֿון לאַנד.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר ליגן — געפֿאַלענע גופֿים א שורה א לאַנגע, אָן אָטעם,
נאָר דער ווינט אין די בערג אָטעמט קראַפֿט אין זײַן ברומען.
ס׳איז ווידער באַגינען, און ס׳פֿינקלט דער טוי אינעם גראָז,
און מיר וועלן קומען צוריק נאָך, ווי בלומען ווי רויטע צעשאָטן,
איר וועט אונדז דערקענען, דעם "באַרגאָפּטײל" שטומען,
ווען פֿאַרזינקען אין בערג וועט דער לעצטער געהילך פֿון א שאָס.

חיים גורי — יידיש: ה. בנימין

אני מאמין

קענסט זיך לאַכן פון די טרוימען
וואָס איך טראָג נאָך אַלץ פאַר מיר:
אַז איך גלייב נאָך אין דעם מענטשן,
אַז איך גלייב נאָך אַלץ אין דיר.

אַז איך שטרעב נאָך אַלץ נאָך פרייהייט,
כ׳האָב פאַר גאָלד זיך נישט געפלייסט;
אַז איך גלייב נאָך אין דעם מענטשן
און אין מענטשנס הויכן גייסט.

וואָס ער רייסט אַראָפּ די קייטן
און דערהייבט אים פון דער נויט.
ווער עס אַרבעט וועט נישט שמאַכטן,
נישט נאָך פרייהייט, נישט נאָך ברויט.

לאַך, ווען כ׳גלייב נאָך אויך אין פריינטשאַפט,
אַז כ׳וועל טרעפן נאָך אַט דעם,
וואָס ער טראָגט דעם זעלבן גלויבן,
און דאָס זעלבע גליק און קלעם.

און איך גלייב, אַז מעג ווי פול זיין
אונדזער צייט מיט האַס און פּיין,
ליבשאַפט בינדן וועט די פעלקער
און ס׳וועט מער קיין קריג נישט זיין.

אויך מיין פאָלק וועט דעמאָלט אויפשטיין
אויף זיין ערד אין פרייען גליק,
אָן דעם יאָך אויף זיינע פּלייצעס,
אָן דעם חושך פאַרן בליק.

און דער דור וועט לעבן, ליבן,
און וועט שאַפן אויף דער ערד;

און וועט האָפן — סיי אויף הימל,
סיי אויף לאַנד, וואָס ער באַגערט.

און א דיכטער וועט באַזינגען
וואָס איז שיין און שטאַרק און גאַנץ;
פון מיין קבר וועט מען נעמען
פאַר אים בלומען אויף א קראַנץ.

שאול טשערניכאָווסקי
יידיש: מרדכי יאָפע

מיין לאנד

איך האָב דיך, לאַנד מיינס, נישט באַזונגען
און דיין נאָמען נישט באַשיינט.
מיט קיין גבורות און נצחונות
דיינע שלאַכטן נישט געקרוינט;

בלויז א בוים — מיין האַנט געפלאַנצט האָט
אויפן ירדנס שטילן ברעג,
בלויז אין פעלדער אויסגעטראָטן
האָט מיין פוס א שטילן שטעג.

ס׳איז אַן אָרעמע מתנה —
יאָ, איך וויס עס, מאַמע לאַנד,
נאָר אַן אָרעמע מתנה
האָט געבראַכט דיין טאָכטערס האַנט.

רחל
יידיש: ז. שזר

זע, ערד

זע, ערד ווי מיר זיינען פאַרשוואונדעריש געוואָרן איצט ביז גאָר!
אין דיין געבענטשטער שויס דאָ האָבן מיר באַהאַלטן זאַט... נישט נאָר
די גלאָז־פּערל פון שפּעלץ, דעם זאַט פון שווערן ווייץ וואָס איז צעקוועלט.
דעם גינגאָלדענעם גערשט, דעם ציטערדיקן האָבער אויפן פעלד.

זע, ערד, ווי מיר זיינען פאַרשוואונדעריש געוואָרן איצט ביז גאָר:
די שענסטע בלומען האָבן מיר אין דיר באַהאַלטן, פריש און קלאָר,
געקושט פונעם ערשטן קוש פון זון, מיט צניעותדיקן חן,
מיט שיינעם שטענגל, מיט געשמאַקן ריח וואָס איז פול און ריין.
און איידער זיי האָבן מיט עכטן צער דעם מיטנטאָג דערלעבט,
דערפרישט זיך מיט פרימאָרגן־טוי — האָט זייער טרוים זיך אויסגעוועבט.

אָט האָסטו דאָ די בעסטע קינדער וועלכע זיינען אונדז באַשערט,
קלאָרהאַרציק ערלעך, און נאָך נישט באַשמוצט פון אַלצדינג אויף דער ערד.
און גלייך איז זייער לעבן און די האָפענונג וואָס ווינקט זיי צו.
מיר האָבן נישט קיין בעסערע. צי האָסטו זיי געזען? און וווּ?
און דו וועסט אַלץ פאַרדעקן. און ס׳וועט אויפגיין דאָס געוויקס אין צייט!
מיט אַזאַ פּראַכט און כוח, הייליק פאַרן פאָלק פון נאָענט און ווייט!
געבענטשט איז זייער קרבן, וואָס לייזט אויס, דורך טויט־סוד אונדזער וואָר...
זע, ערד, ווי מיר זיינען פאַרשוואונדעריש געוואָרן איצט ביז גאָר!

שאול טשערניכאָווסקי
יידיש: מרדכי יאָפע

אינהאלט

צום אָנפירער פון דער פייערונג 3

פראָקלאַמירונגס־אַקט פון די הערצל־פייערלעכקייטן 5

מיטן שוויס פון דיין פנים וועסטו עסן ברויט (איינאַקטער) . . . 11

"כ'בין א ייד!" (קינדער־פאָרשטעלונג) 20

די נייע געזעלשאַפט (איינאַקטער) 30

דער אָנזאָגער פון אויסלייזונג (מאָנטאַזש) 37

הערצל אין פּאַריז (איינאַקטער) 58

מאַטעריאַל צום פאָרלייענען:

1. הספדים 71

2. פון "יידנשטאַט" 75

3. בריוו צום באַראָן הירש 81

4. אזוי האט געזאָגט הערצל 85

5. לידער צום רעציטירן 90